ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# מעשיות נוראים

אידיש

**633**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספה

# מעשיות נוראים

פון היילינע צדיק דער רבי הקדוש ר׳ יעקב ארי׳
פון ראַדזמין זצ״ל.

אין דיזען ספר ווערט בעשריבען וואונדערליכע זאכען פון היילינען צדיק הרב הגאון קדוש ישראל מופת הדור והדרו וכו׳ וכו׳ כמוהרת״צ ר׳ יעקב ארי׳ זצוק״ל מראַדזמין הנקרא בפי כל ר׳ יעקיר׳ע ראַדזמינער ז״ל אזוי ווי איך האב געהערט פון זיינע מקורבים און משמשים

---

---

געשריבען דורך ר׳ משה אהרן בערנמאן פון ראדזמין
ומסרתי הזכות להאברך החסיד ר׳ ישראל יעקב מעסינגער מראדזמין.

---

— אַך דרוקען איז שטרענג פערבאָטען —



פיעטרקוב

# מעשיות נוראים

## הרה"צ הקדוש ר' יעקיל'ע ראַדזומינער

זצלה"ה, איז געוועזן אַ גאָטליכער הייליגער זעהר וואונדערליכער מאַן, אַ מענש וואָס די גאָטליכע נבואה האָט אין איהם געשיינט, און דאָס וואָס איז פערהוילען איז פאַר איהם געוועזן אַנטפּלעקט. זיין הייליגקייט וועהר קען בעשרייבען און וועהר קען דערציילען זיינע לויב, און אין זיין יוגענד האָט ער פערבאָרגען זיינע מעשים אפילו פאַר זיינע לייב-מענשען האָט ער נאָר ניט אַרוים געוויזען נאָר ער האָט געטוהן אַלעס מיט שכל און קלוגשאַפט נאָר זיינע חברים און זיינע גרויסע פריינד זיי האָבען דערשפּירט דעם ריח פון זיינע בשמים אַז ער רידערט מיט אַלע הימלען און פון דאַן אָן האָבען זיי זיך אין איהם בעהעפט ער זאָל זיי לערנען דעם רעכטי-פאַרטיגען וועג.

פון זיינע גרויסע תלמידים איז געוועזן:

א') הרה"צ הקדוש ר' וחיאל דאַנציגער זצוק"ל אדמו"ר מאַלעקסנדר.
ב') זיין זוהן הרה"צ הקדוש ר' ירחמיאל ישראל יצחק זצ"ל אדמו"ר מאַלעקסנדר.
ג') הרה"צ הקדוש ר' יחיאל מאיר זצוק"ל אדמו"ר מגאָסטאָנין.
ד') הרה"צ הקדוש ר' ברוך שפּירא סטוצינער זצוק"ל אדמו"ר מטשיזעוו.
הרה"צ ר' אלעזר זצוק"ל אבד"ק מאַקאָווע פולטוסק פלאָצק וסאָכאָטשאָוו חתן רשכבה"ג הגאון מו"ה יעקב ז"ל אבד"ק ליסא בעהמח"ס חות דעת ושאר ספרים, האָט דערצעהלט ווען דער חידושי הרי"ם זצוק"ל איז נפטר געוואָרען און ער האָט געוואָלט פאָהרען קיין ראַדזמין ווייל ער איז אויך געוועזן דעם ר' ר' בונם'ס זצוק"ל אַ תלמוד אַז דער קאָצקער זצוק"ל האָט איהם געהאַט געזאָגט איינמאָהל ביי אַ געזעגענען אַז הלואי וואָלט געוועזן אויף די וועלט נאָך אַזעלכע צוויי צדיקים ווי דער ראַדזומינער זצוק"ל און דער טשעכענאָווער.

ר' יעקיל'ע ראַדזומינער זצוק"ל, איז געבוירען אין שטעדטיל ביי וואַרשא וו"ה וואָרקא, אום יאָהר תקנ"ב, זיין פאָטער ר' שלמה גאָבערמאַן, איז געוועזן אַ שעהנער בעל בית, אַ שניט סוחר, און פלעגט

יערען

יעדען טאג לערנען זיינע שיעורים, פאר'ן האנדלען, און איז אויך געוועזען א בעל צדקה מעהר ווי זיין כח איז געוועזען. זיין מוטער בינע איז געוועזען זעהר א אשה צנועה אונגעוועהנליך פרום, זי פלעגט נאך יעדען קינד-בעט פערברענגען איהר בעט-געוואנד, און נאך פערשיעדענע אונגעוועהנליכע פרומקייטען וואס מען הערט דאס היינט גאר ניט האט מען ביי איהר געזעהן ביי יעדען שריט און טריט.

פון זיין יוגענד-אן האט מען שוין געזעהן זיינע גרויסע פעהיגקייט'ן אין לערנען, דאס מויל זיינס האט ניט גערוהט נאר תמיד געלערנט און געדאווענט און געריעגט השם יתברך און זיין נאמען איז געגאנגען גאנץ ווייט און גאנץ יונגערהייט האט ער ז"ל חתונה געהאט פון ריטשעוואל מיט א טאכטער פון רייכע שעהנע פאמיליע חיי. איהר פאטער ר' בעריש פון ריטשעוואל איז געוועזען פון די שעהנסטע בעל-בתים פון ריטשעוואל, ווי ווייט ער האט געקענט האט ער איהם מספיק געוועזען און האט איהם געגעבען זיין בעדערפעניש וויפיעל יאהר. נאר מיט די צייט איז ער געווארען ארים, האט די שטאדט ריטשעוואל דאס בעמערקט און האט איהם געגעבען א כתב רבנות מיט זעהר א קליינעם געהאלט.

[אויף זיין חתונה איז געקומען צו פאהרען דער קאזניצער מגיד וצוק"ל, און אין דעם זעלבען טאג האט חתונה געמאכט ד, בעוואוסטע גביר'תה טעמעראל פון ווארקא איהר'ס א זוהן יעקיל'ע. האב. ען די שטאדט-לייט געמיינט אז דער קאזניצער ז"ל איז געקומען אויף די גביר'שע חתונה, זאגט ער צו זיי איך בין געקומען אויף דעם אנדערין יעקיל'עס חתונה און האט שטארק משמח געוועזען דעם עולם מיט זיינע וואונדערליכע תורות].

אין ריטשעוואל האט ער נעלעבט בדחקות דאס געהאלט האט ניט מספיק געוועזען אויף פרנסה און די רעבעצין ז"ל פלעגט געהן אויף די דערפער האנדלען און פלעגט אהן זאמלען א ביסעל קארטאפל-עס און גרינווארג. אויך די פרשיסחער חסידים וואס זענען דורכגע-פאהרען ריטשעוואל פלעגען זיין ביי איהם און די רייכע פון זיי פלע-גען איבערלאזען קלייניגקייטען וויסענדיג אז ער איז אין פרשיסחא א גרויסער חשוב, די רביצין האט פאר איהם שטענדיג געוויינט וו לאנג נאך וועט זי וויסען פון אזא דחקות, און ער האט זי שטענדיג בערוהיגט מיט טרייסטליכע ווערטער, און איהר דערצעהלט פון גרויסע הייליגע רבי'ס וואס זענען געוועזען נאך ארעמער פאר איהם.

איינמאהל

# מעשיות נוראים

איינמאהל א היימקומענדיג ראש־השנה ביי נאכט פון שוהל, האט ער צו איהר געזאגט מיט שמחה, דו זאלסט וויסען אז אין דעם יאהר וועלען מיר אמת געהאלפען ווערען און מיר וועלען שוין האבען פרנסה בריוח. זי איז ערשטוינט געווארען הערענדיג, זי האט געוואוסט אז זיינע רייד זענען ניט קיין לערע, זאגט זי פון וואנעט ווייסט דו דאס, ענטפערט ער איהר, מיין ווייב פאר דיר וועל איך ניט לייקענען דאס מינסטע, ווען איך בין געשטאנען שמונה עשרה פון מנחה איז צו מיר געקומען דער הייליגער קאזניצער מגיד מיט'ן רב'ן פון לובלין זכותם יגן עלינו און האבען מיר געבראכט א בשורה אז איך בין שוין „א געהאלפענער" אונד אין דעם יאהר איז ער געווארען ראדזמינער רב, אין די גאנצע וועלט האבען איהם בעווארפען מיט געלד.

ר' אייזיק ריטשעוואלער האט מיר דערצעהלט אז ווען ער איז געווארען רב אין ריטשעוואל, איז געקומען שבת תשובה האט ער ניט געזאגט קיין דרשה האט דאס די שטאדט לייט פערדראסען האבען זיי אריין געשיקט אפאר שעהנע בעל־בתים זאלען איהם זאגען אז די שטאדט פערלאנגט אז ער זאל זאגען א דרשה האט ער זיי געענטפערט איך וועל שוין זאגען. האבען זיך די גאנצע שטאדטלייט פערזאמעלט אין בית המדרש אריין און אום געדולדיג געשטאנען און געווארט ער זאל שוין אריין קומען זאגען די דרשה, עס איז שוין געוועזען סאמע נאכט איז ער ז"ל געקומען אריין איינגעהילט אין טלית און ארויף אויף דעם בלעמער און א געשריי געטוהן געוואלד טהוט תשובה אז ניט וועט איהר זיך א שווארץ יאהר אוים ריכטען און אז איהר וועט תשובה טוען זאג איך זייך צו אז איהר וועט אלע האבען א גוט יאהר. דער גאנצער עולם האט אוים געבראכען מיט א גרוים געוויין און ר' יעקעל'ע ז"ל איז תיכף ארוים פון בית המדרש צו זיך אין שטיב אריין,

די ערשטע יאהרען איז ער געפארען צום קאזניצער מגיד זצוק"ל און דער נאך איז ער געפארען קיין פרשיסחא צום ר"ר בונם זצוק"ל און ער איז געוועזען זיין תלמוד מובהק ווי בעוואוסט איז דער ר"ר בונם זצוק"ל געוועזען א סגי נהור. פלעגט ער פאר זאגען מדרש פער איהם. אמאהל איז ער געקומען צום ארט וואס שמועסט פון תחיית המתים זאגט ער צום ר"ר בונם איך וואלט געוואלט אז דער רבי זאל מיר מגלה זיין דעם שם פון תחיית המתים, ענטפערט ער איהם סוד זה אינו מגלים אלא לצנועים, זאגט ער צו איהם איך בין אצנוע קען דער רבי מיר מגלה זיין. ענטפערט איהם דער רבי ר' בונם איך וועל דיר מגלה זיין נאר באופן דו זאלסט דיך ניט בענוצען מיט איהם ווארום

מיט

מיט דעם שם קען מען לעבעדיג מאכען טויטע מענשען האט איהם ר' יעקעלע ז"ל צו געזאגט אז ער וועט ניט בענוצען מיט איהם האט ער איהם מגלה געוועזן דעם שם, איינמאל איז געקומען פאר ר' יעקעלען ז"ל זעהר א מקורב מיט א קוויטעל פון א חולה א גוסס רח"ל האט עס איום שטארק איבער גענומען און ער האט געבראכען דעם צוזאג און האט זיך בענוצט מיט דעם שם ווארום פער אשלאפען מענש ייעגען מעג מען דאך אלעס טוהן, און א צייט ארום איז ר' יעקעלע ז"ל שלאף געווארען און האט געהאלטען ביים נפטר צו ווערן איז ער געלעגען א פאהר טאג אין די היכער־פלעט, נאך דעם אויף חאפען האט מען איהם געפרעגט וואס ער האט געזעהן. האט ער דער־צעהלט אז מען האט איהם געוואלט משפט'ן מיתה דער־פאר וואס ער האט זיך בענוצט מיט דעם שם. איז געקומען צו פליען איין מלאך און האט געזאגט אז ער איז ניט שולדיג נאר דער רבי ר' בונם וואס האט איהם דעם שם אוים געלערענט, האט מען געפרעגט דעם ר' ר' בונם האט ער געזאגט אז ער האט איהם צו געזאגט אז ער וועט זיך ניט בעניצען מיט דעם שם, איז געבליבען אין הימעל אז מען זאל נאך זוכען צו ער האט קיין מאהל ניט געזאגט קיין ליגענט זאל מען איהם דאס מאהל שענקען האט מען נאך גע־זוכט האט מען ניט געפונען אז ער זאל א מאהל האבען געבראכען זיין צוזאג האט מען איהם געשענקען דאס לעבען.

אין שטאדט לודמיר איז געוועזן א בתולה וואס זי האט געזאגט פער־בארגענע זאכען עס איז א מאהל אריין געקומען א יונגערמאן צו איהר אין שטוב זאגט זי צו איהם שוטה וואס טוסט דו דא, האבען רבי'ס געזאגט פשט אין איהרע רעד אזוי, דער זעלבער יונגערמאן איז געוועזן מלמד אויף א דארף ביי אנ'ארענדאר, און דער זעלבער ארענדאר איז געווארען אנ'אלמן, און ניט וויים פון דעם זעלבען דארף האט געוואנט אנ'ארענדארקע א גרושה, ווי די גרושה האט גע־הערט אז דער ארענדאר איז געווארען אנ'אלמן האט זי געשיקט שדכנים צו דעם ארענדאר ער זאל מיט איהר חתונה האבען איז ער ביישטאנען חאטש ער איז געוועזן א כהן טאר ניט חתונה האבען מיט קיין גרושה האט ער אויף דעם ניט געקוקט, ווי דער מלמד האט דאס דער־הערט. האט ער ניט געקענט איבערטראגען און חאטש עס איז שוין געוועזן צום סוף זמן און אז ער וועט לויפען אין שטאדט אריין פער'מסר'ן זיין בעל־בית פאר דעם רב וועט ער היזק האבען דאס גאנצע געלד פער דעם זמן מלומד־געלד און אין דרויסען איז געוועזן ● קאלט נאס וועטער און ער האט גראדע ניט געהאט קיין גאנצע

שטיוועל

# מעשיות נוראים

שטיוועל האט דער מלמד אויף דעם אלעם ניט נעקוקט און איז לאפען אין שטאדט אריין פער'מסר'ן זיין בעל-בית פער דעם רב אז דער רב זאל זעהן ניט צו-לאזען צו קיין עבירה. ווי מען האט אין הימעל דאס העלדישקייט פון דעם מלמד בערעכענט איז געווארען א שטארקער רעש אז עס האט אזש געהאלטען אז משיח זאל קומען ווי דער שטן האט דאס דערהערט האט איהם דאס שטארק מיט גע-שמעקט האט ער זיך פערשטעלט פאר א מענש און איז א ראש אויף דער וועלט און איז נעגאנגען אויף דעם זעלבען וועג וואס דער יונגער-מאן איז געגאנגען פון דארף אין שטאדט אריין און האט געמאכט מיט דעם יונגען-מאן א שמועס. און גיט איהם א פרעג ווי ער געהט האט ער איהם דערצעהלט זאגט צו איהם דער שטן די נארישער מענש די וועסט דען עפעס פועל'ן אז זיי האבען זיך פערנומען חתונה האבען וועסטו גאר ניט מאכען די וועסט ניט מעהר פערדינען נאר וואס דו וועסט היזק האבען דיין געלד מיט די שטער פאלג מיר און געה צוריק, דער יונגערמאן האט זיך געלאזט אן רעדען און איז נעגאנגען צוריק און דער שטן האט געווינען, אט דאס האט גע-מיינט די בתולה וואס זי האט געזאגט צו דעם זעלבען יונגען-מאן די שוטה וואס טהוסטו דא פער וואס געהסטו ניט זעהן אז די זאך פון די חתונה דער כהן מיט די גרושה זאל ניט ווערען אוים געפיהרט.

דיר זעלבע בתולה האט אויך געזאגט אז ביים רבי ר' בונם איז דא דריי תלמידים איינער פערברענט די וועלט און דער צווייטער פערשיינט די וועלט און דער דריטער ר' יעקעלע אז ער דרעהט זיך און עיגול אין בית המדרש צוטערען פער איהם מלכים און שרפים ואופנים פון הימל, [ווארום ער פלעגט פער רויבערען די לולקע און ארום לויפען אין בית-המדרש קיילעכיג ווי א ראד] די ערשטע צוויי האט זי געמיינט דעם אלטען קאצקער רבי'ן ז"ל דער פער-ברענט די וועלט זכותו יגן עלינו און דער צווייטער ר' יצחק ווארקער ז"ל פערשיינט די וועלט זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן.

די מעשה האב איך געהערט פון הרה"ח ר' דוד גאטערמאן פון ווארקע.

עס איז אמאהל געקומען צום ראדזומינער ז"ל א יודענע. און האט זיך פער קלאגט פער איהם אז עס האלט זיך ניט ביי איהר קיין קינדער זיא האט געהאט צעהן קינדער און עס איז איהר מעהר ניט געבליבען ווי איין קינד און זי האט דאס געהאלטען אויף דער האנד, זאגט ער צו איהר וואס ווילסטו געה באגראב דאס. די יודענע

איז

איז גלייך געגאנגען און האט אויס געגראבען א גרוב פאר זיין פענסטער און האט דאס קינד אריין געלייגט אין גרוב אריין לעבעדיגערהייט האט ער תיכף דער זעהן און זאגט צום משמש געה רוף זי אריין מיט דעם קינד, דער משמש האט זי תיכף אריין גערופען און דער רבי זאגט צו איהר פאהר געזינד אהיים מיט דעם קינד די וועסט דאס שוין אויף חאווען און עס איז אזוי געוועזען זי האט געזעהן פון קינד קינדער און קינד'ס קינדער.

זיין ווייב האט אמאהל געזעהן ווען ער האט געדאוועט מנחה ווי עס האט איהם ארום גערינגעלט א פלאם פייער האט זי איהם ביים עסען געפרעגט וואס די מעשה איז, האט ער איהר געענפערט אז די זאגסט שוין אויס וועסטו מעהר ניט זעהן האט זי מעהר שוין ניט געזעהן.

די ראדזינער בעלי בתים זענען געפאהרען צום חידושי הרי"ם פרעגען וועלכען רב זיי זאלען נעמען האט ער זיי געהייסען פארען קיין ריטשעוואל און אויף נעמען איהם פאר א רב. ווי זיי זענען געקומען קיין ריטשעוואל האבען זיי איהם געטראפען דאווענען מנחה ביי זיך אין שטוב איז זיי געווען א גרויס ווינדער וואס א רב אין אזא קליין שטעדטיל זאל דאווענען ביי זיך אין שטוב ניט אין בית המדרש ביים עסען זאגט ער צו זיי איהר ווינדערט זיך אוודאי וואס איך דאווען אין שטוב וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה וועט אייך זיין פערענפערט. דער רבי ר' בונם מיט זיינע תלמידים זענען געהאט ארורך געפארען די שטאדט ריטשעוואל האט ער אב געטרעהטען ביי מיר האב איך דאן געלערענט דאס ספר עץ חיים און איך בין געווען שטארק פאר טיעפט אין דערין אז איך האב אוש ניט בעמערקט אז דער רבי ר' בונם איז דא ביי מיר אין שטוב איז ער געשטאנען און איך בין געזעסען און ניט אויף געשטעלט זיך פאר איהם איז איינער פון די תלמידים צי געגאנגען צו מיר און מיר געשאהן ארבעל ביים ארידער האב איך מיר אום געקוקט און בעמערקט ווי דער רבי ר' בונם שטעהט ביי מיר אין שטוב האב און מיר גלייך אויף געשטעלט איז דער רבי ר' בונם צו געגאנגען צו מיר און מיר געזאגט מה טובו אוהליך יעקב ד"ה ווי ניט איז דיין געצעלט יעקב פון דאן אן דאווין איך אין שטוב.

דער סאכאטשאווער רבי ז"ל האט דערצעהלט ווי ער האט געהערט דערצעהלען פון זיין שוועהר דער אלטער קאצקער רבי ז"ל אז דער רבי ר' בונם פלעגט אלע זומער ארויס פאהרען קיין אויס־לאנד אויף קוראציע האט ער מיט גענומען זיינע תלמידים, און האט געזעהן אז מען זאל ניט וויסען ווי ער פאהרט כדי ער זאל

נגד

איך קענען אוים רוהען און מענשען זאלען איהם ניט שטערען זיין רוה, איינמאל האט ער ניט מיט גענומען דעם ראדזמינער ז"ל האבען זיך חסידים מיט איהם געדרייצט און האבען איהם געזאגט אז עס איז א סימן אז ער האלט איהם ניט פאר קיין תלמוד, ענטפערט ער זיי וואס ווילט איהר האבען פון מיר איך בין דאך גלייך מיט זיי, זאגען זיי צו איהם ווי אזוי ביזטו גלייך אז זיי זענען דארט מיט איהם מיט געפארען און דו ביזט דא, זאגט ער איך ווייס דא אלעס וואס עס טהוט זיך דארט ווי ער איז און וואס ער טהוט ווען ער לערענט און ווען ער דאווענט און אפילו ווען ער רויכערט די לולקע האט ער זיי אלעס געזאגט גענוי, און זיי האבען אלעס פערצייכענט און געשיקט מיט די מענשען וואס זענען געפארען אהין, זעהן צו ער ווייסט ריכטיג, אזוי ווי זיי זענען אריין געקומען צום ר"ר בונם פרעגט ער זיי ווער האט אייך מגלה געווען דאס ארט פון מיין נסיעה, האבען זיי געזאגט ר' יעקיל'ע ראדזמינער ז"ל, ענפערט ער זיי „אזוי"! איך וועל איהם שוין צו נעמען זיין בייז אויג, איך וועל איהם אבער צוריק געבען כפל כפליים.

**איינמאהל** האט ער זיך געשפירט שלעכט ער פלעגט טיילמאל קריגען נאפאדען אופ'ן הארץ זאגט ער צו זיין משמש הערשיל איך פערלאנג פון דיר זאלסט אריין פאהרען קיין ווארשא צום דאקטער, ווארום די דאקטורים האבען שוין געוויסט זיין פעהלער, ענטפערט איהם דער משמש איך בין גרייט צו ערפילען אייער פערלאנג דערווייל געהט דער רבי און שרייבט אן א קמיע און דערלאנגט זי דעם משמש ר' הערשיל און זאגט איהם, הערשיל לעג אוועק די קמיע זי וועט דיר צוניץ קומען, הערשיל נעמט גלייך די קמיע און לעגט זי אוועק ווי מען דארף און געזעגענט זיך אין פאהרט קיין ווארשא צום דאקטער, פאר־נאכט־צו עס איז געקומען די צייט פון דאווענען מנחה און דער רבי קומט ניט אריין דאווענען האט דער צווייטער משמש שלמה גע־רעכענט אפשר איז ער אנגעשלאפען געווארען איז ער אריין געגאנגען אין זיין חדר אריין און געהט צו צום טיש ווי דער רבי איז געזעסען און זאגט: רבי געהט אריין דאווענען מנחה עס איז זעהר שפעט. ענטפערט ער איהם גאר ניט, האט ער גערעכענט אפשר שלאפט ער זאגט ער מיט א העכער קול און מען ענטפערט איהם ווייטער ניט און הור'ט איבער עטליכע מאהל און ער ענטפערט איהם אלעס ניט, טראכט ער עס איז ניט אומזיסט נעמט ער א ליכט און צינד אן און געהט צו צום רבי'ן זעהן און ווי ערשטוינט איז ער געווארען ווי דער רבי איז געזעסען אויף די שטוהל פאר'חלש'ט'ערדיים כמעט ווי טוידט האט

# מעשיות נוראים

ער דאן געמאכט א גרויס געוואלד אין באלד איז גאנץ ראדזמין געווען ביים רבי'ן און מען הויבט אן צו רייסען און רייבען און עס פועלט גאר ניט האט מען שוין דעם רבי'ן ארויף גענומען אויף זיין בעט און מען שיקט גלייך נאך דעם שטאדט דאקטער, דער שטאדט דאקטער קומט צי געהן און געהט צו צום רבי'ן און נעמט ביי איהם אן דעם דופק זאגט ער צו די מענשען וואס זענען געשטאנען ארום. עס איז ניט גוט. האבען זיי אלע אוים געבראכען מיט א גרויס געוויין און עס איז געווארען א גרויסער רעש אין שטאדט פון קליין ביז גרויס זענען אלע אום געלאפען ווי משוגע. ווי הערשיל משמש איז צוריק געקומען פון ווארשא און איז נאך געווען אינטער דער שטאדט האט ער געהערט א גרויס געוואלט אין שטאדט האט ער גערעכענט אפשר איז א שריפה אין שטאדט אדער אנאנדערע פלוצלינגע סיבה. און ווי ערשטוינט איז ער געווארען אז ער איז אריין געקומען אין שטאדט אריין און געהערט ווי דער רבי ז"ל איז שטארק פאר'חלשת און מען קען איהם ניט דערמונטערען. האט ער זיך גלייך דער מאנט אין דער קמיע און איז גלייך אריין געלאפען צום רבי'ן און האט אויף איהם אויף געהאנגען די קמיע האט ער זיך גלייך געגעבען א זעץ אויף אין בעט, און זאגט צו הערשיל משמש: ווי ביזטו געווען אזוי לאנג. און האט דאן א גאנצע נאכט געזאגט תורה און האט געזאגט א משל אז איינער געהט אין וואלד און עס טרעפט איהם גזלנים און אז ווערט פון זיי ניצול דאנקט ער דער נאך השי"ת פאר וואס זאל דער זעלבער מענש ניט דאנקען השי"ת ווען ער געהט און וואלד און טרעפט ניט קיין גזלנים. דאס זעלבע איז דער מענש אז ער ווערט שלאף און ער ווערט דערנאך געזונד דאנקט ער דערנאך השי"ת פאר וואס זאל א מענש ניט דאנקען השי"ת אז ער ווערט גאר ניט שלאף נאר השי"ת שענקט איהם דאס געזונד.

**דער** רבי ז"ל האט געהאט שטעהן א קאסטען טיט פאפירען געלד האט מען איהם בגנב'ת פרעגט ער דעם משמש: הערשיל אסך האבען זיי גגנב'ת און צו זיי האבען עפעס געלאזט. ווארום דער רבי ז"ל האט זיך ניט געקענט אויף קיין צורת מטבע. ענטפערט איהם הערשיל משמש זיי האבען אפילו גענומען אשפאר ביסעל נאר עס איז נאך עפעס געבליבען זאגט ער אז זיי האבען גענגבת איז אסימן אז דאס איז ניט קיין ערליך געלד וויל מען דאך ניט פון הימעל אז איך זאל זיין רבי איז געבליבען ביי איהם במוסכם אז ער זאל מעהר ניט אן נעמען קיין מענשען אלעס רב דערוויייל האט זיך געמאכט אז ער האט גע-דארפט פאהרען קיין ווארשא צום דאקטער, אין ווארשא קומט צו

איהם

# מעשיות נוראים

אײנס א בריף בײם א פאבליטשנעק אז אזוי ווי דער גנב איז שלעכט געווארן אויף א שטארקען קדחת איז געבליבען בײ איהם אז ער זאל אפ שיקען צוריק דאס געלד ווען דער רבי וועט א הײם פארען צוריק קײן ראדזמין, זאגט ער צו הערשיל משמש זעהסט הערשיל קײן הערליך געלד ווערט ניט פערפאלען און מיר דארפען זיך ניט אײלען צו פארען ער וועט שוין ניט חרטה האבען. כך הוה, צוױ איז געקומען אזוי ווי דער רבי איז א הײם געקומען האט א פאבליאנעץ געבראכט דאס גאנצע געלד עס האט גאר געפעהלט הונדערט און פונף און צוואנציג רו"כ וואס דער גנב האט פאר קרענקט און [illegible] געגעסען.

דער חידושי הרי"ם ז"ל האט איהם געשיקט א בריוו מיט ר' שלמה יהודית'ס פון ראדזמין האט ער איהם געהייסען אויס טוישען אויף זילבערנע רובלעס עס זאל זײן א סך און איהם געבען ווארום ער האט ליעב געלד ווי א קלײן קינד וואס ווײסט גאר ניט וואס דאס איז און האט [illegible] פארט ליעב אזוי ער ווײסט צו מאל ניט פון צורת [illegible] האט דאס גלאט ליעב

ער איז א מאהל געווען צוזאמען אויף א ברית אין ראדזמין מיט ר' ישעיה'לע פראגער ז"ל ה[illegible] מען געוואלט געבען א פלעשעל ווײן, האט מען פארטוישט און מען האט געגעבען קאניאק אזוי ווי ער האט גענומען צום מויל. האט ער דערשפירט אז דאס איז ניט קײן ווײן האט ער זיך געגעבען א שאקעל אפ פרעגט איהם ר' ישעיה'לע וואס ער שאקעלט זיך אזוי אפ האט ער איהם געזאגט ווײל ער טרינקט שוין ניט א לאנגע צײט קײן בראנפען צו ליעב צווײ טעמים, אײנמאהל ווײל ער הוסט זאגט ר' ישעיה'לע איך הוס אויך האב איך געפרובירט ניט טרינקען האב איך אויך געהוסט טרינק איך צוריק כדי איך זאל כאטש הוסטן פארוואס איך הוס זאגט ר' יעקל'ע איך האב נאך א טעם וואס איך טרינק ניט קײן בראנפען איך בין געווען צוזאמען מיט חבריא האבען זײ גענומען צ[illegible]יסלעך בראנפען און איך האב נאך ניט געהאט געדאווענט קײן מעריב האב איך ניט געוויסט וואס צו טהון האב איך מיר מיישב געווען עס איז דאך פארט צווישען חבריא האב איך אויך גענומען א ביסעל בראנפען האב איך דערנאך געדאווענט מעריב מיט א ברעש וואס איך האב נאך קײנמאהל ניט געדאווענט מיט א ברעש האב איך בערעכענט אז בראנפען איז בכח מיך אזוי פיעל צו געגארען ווײל איך פון דאן אן קײן בראנפען ניט טרונקען.

# מעשיות נוראים

**ער** פלעגט טרינקען מעד פסח און פלעגט תמיד זאגען א ווערטיל אז אין אפט האט מען ניט געטרינקען קיין מעד די אנדערע טעג פסח. האט מען דעם ראדזמינער זצוק"ל געפרעגט פאר וואס; האט ער געענפערט וויל מען האט אויס געטרינקען די ערשטע טעג.

**אין** די ייִשטע צייטען איז ער געוועזען מלמד ביים רב'ן פון אלכסנדערס שווער ער האט איהם צו גענומען ער זאל לערנען מיטן איידעם איינמאהל האט איהם דער רבי פון אלכסנדר פאר מסר'ט פארן שווער אז ער לערנט ווינציג נאר ער קומט מעהר האב מיט'ן דאווענען ווען דער ראדזמינער ז"ל האט דערציילט דאס האט ער געזאגט האב איך מיר מיישב געוועזען און איך האב איהם גענומען לערנען דאווענען איז ער שוין פון דאן אן געוועזען פון מיר צו פריעדען.

**דער** רבי ר' בונם ז"ל פלעגט איהם אלע ערב יו"כ אב געבען א קוויטל חאטש ער איז געוועזען זיינער א תלמוד, איינמאהל האט ער זוך גענעגט שלאפען האט דער ר' ר' בונם ז"ל געהייסען א מענש זאל אכטונג געבען אויף איהם וואס ער וועט טהון ביים שלאפען האט מען געזעהן ווי ער שארט אוועק מיט די הענד פון זיך, האט מען דאס דערציילט דעם רבי ר' בונם האט ער געזאגט איך שיק צו איהם נשמות ער זאל מיר העלפען זיי מתקן זיין און ער שטויסט זיי פון זיך א וועק

**איינמאהל** איז צו איהם געקומען א פאקטער און האט זיך פאר איהם פארקלאגט אז ער האט ניט קיין פרנסה פרעגט ער איהם וויפיעל צאהלסט דו פון א קוה זאגט ער ניין רו"כ ענטפערט ער איהם עס איז ווינציג דו דארפסט איהם צאהלען עלעף רו"כ זאגט ער צו איהם סטייטש רבי איך צאהל ניין רו"כ איך האב ניט קיין פרנסה מכל שכן אז איך וועל צאהלען מעהר זאגט ער עס איז ניט דיין דאגה דו וועסט האבען הצלחה און איך פארשטעה אז לויט רעכענונג וויפיעל עס קאסט דעם פריץ דאס פעלד מיט די ארטונגס־טראציע דארפסטו איהם צאהלען עלעף רו"כ האט ער איהם מעהר ניט געוויסט וואס צו ענטפערען אזוי ווי ער איז א היים געקומען שיקט נאך איהם דער פריץ און זאגט צו איהם איך וויל פון דיר הוספה צוויי רו"כ אויף א קוה הויבט ער אן זיך בעטען ביים פריץ סטייטש איך קען קיין ניין רו"כ ניט צאהלען צום סוף ווילסטו נאך הוספה ענטפערט איהם דער פריץ עס וועט דיר גאר ניט פועל'ן דיין בעטען אז דו וועסט מיר ניט געבען צוויי רו"כ טהייערער אויף א קוה מעגסטו זיך זוכען אן אנדערע פאקט האט ער זיך דערמאנט אין

# מעשיות נוראים

אין רבינ'ס ווערטער, האט ער איהם בייטרעטען צוויי רו"כ און פון דאן אן האט ער שטארק מצליח געוועזן עס איז איהם אריין געקומען איין ברכה אין אלעם.

**עס** איז צו איהם א מאהל געקומען א פריץ מיט א שטומען זוהן ער זאל איהם געבען א ברכה ער זאל ווערען רעדעוודיג, זאגט ער צו איהם אז דו וועסט מיר צו זאגען אז דו וועסט ניט טהון קיין שלעכטעס קיין יוד ווען ער ווערען רעדעוודיג, האט ער איהם צו געזאגט, זאגט ער אז עס איז דא אזוי פיעל גוים וואס רעדען וועט זיין נאך א גוי, און האט איהם געגעבען א קלאפ מיט'ן נארטעל האט דער זוהן א געשריי געגעבען צום פאטער טאטא זיד מיע ביוע.

**החסיד** ר' פייביש פון אסטראלענקע האט דערצעהלט זיין ווייב איז געגאנגען עטליכע טעג צום קינד איז ער געפארען קיין ראדומין צום רבי'ן. ווי ער איז געקומען צום טהיר וואס האט געפיהרט צום רבינ'ס שטוב האט ער געוואלט גלייך אריין געהן, הערשיל משמש האט גלייך בעמערקט און זאגט צו איהם שטעה עס קאסט פינף און צוואנציג רו"כ ער בלייבט שטעהן א צוקאכטער סמייטש ווי וועל איך נעמען יעצט פינף און צוואנציג רו"כ העכסטען האב איך ביי מיר פינף רו"כ נאט אייך און לאזט מיר אריין עס איז סכנות נפשות און דערצעהלט איהם אין וואס דא געהט, ענטפערט ער איהם עס געהט מיר ווינציג אפ, איך וועל אייך ניט אריין לאזען, דער ר' פייוויש האט ניט לאנג געקלעהרט און גיט איהם צוויי פעטש אנשטאט פינף און צוואנציג רו"כ ר' הערשיל משמש האט איהם אויך ניט געזיאלעוועט און גיט איהם צוריק דריי פעטש מן הסתם האט ר' פייביש אויך ניט געשוויגען ביז עס איז געווארען צווישען זיי אנ'הריגה אז דער רבי האט אזש דערהערט ביי זיך אין שטוב האט ער געעפענט די טהיר און פרעגט וואס איז דאס א זוינס! האט איהם ר' פייביש דערצעהלט אין וואס דא האנדעלט זיך אז ער האט געוואלט אריין געהן האט ער געוואלט ביי איהם פינף און צוואנציג רו"כ האט ער איהם אריין גערופען צו זיך און האט איהם דערלאנגט עטליכע פעטש אז דאס היטעל איז אראפ געפאלען און זאגט צו איהם שיינעט טהו אן דאס היטעל! ר' פייביש האט געזעהן אז ער וועט דא גאר ניט געווינען איז ער א וועק פון רבי'ן צו זיך אויף די סטאנציע עס איז ניט אוים געגאנגען קיין האלבע שעה ווי דער רבי האט איהם צוריק גערופען דורך הערשיל משמש אליין ער האט אפילו ניט געוואלט געהן נאר אז דער רבי הייסט מוז

מען

# מעשיות נוראים

מען פאָלגען און האָט איהם אוים געזוכט אויף די סטאַנציע און זאָגט צו איהם מיט אַ ראָפּ געלאָזטע אויגען אַז דער רבי רופֿט איהם , ער איז תיכף אַרײַן צום רבי'ן זאָגט צו איהם דער רבי עס קומט דיר אַ מזל־טוב דײַן װײַב האָט געבוירען אַ בן־זכר ער איז תיכף דערפרעהט געװאָרען פון די גוטע בשורה און האָט זיך איבער געבעטען מיט הערשיל משמש .

עס איז אַמאָהל געקומען צו איהם אַ פאַקטער און האָט זיך געקלאָגט אַז דער פריץ װיל הם אָפּ זאָגען פון די פאַכט ענפערט איהם דער רבי איך װעל דיר מיט געבען אַ בריעף צום פריץ װעט ער דיר שוין ניט טשעפּען און האָט איהם געהײַסען שפּעטער אַרײַן קומען װי ער איז אַרײַן געקומען צו איהם האָט ער איהם געגעבען אַ קאָנװערט און זאָגט צום פאַקער נאַ דיר · אַ בריעף זאָלסט אַ װעק געבען דעם פריץ דער פאַקער האָט צו גענומען דעם בריעף און איז אַ היים געפאָרען װי ער איז אַ היים געקומען איז ער גלײַך געגאַנגען צום פריץ מיט דעם בריעף , אויפ'ן װעג איז איהם אײַנגעפאַלען ער װעט עפענען דעם בריעף און װעט זעהן װאָס דאָרט שטעהט , װי ערשטוינט איז ער געװאָרען װען ער האָט געעפענט דעם בריעף און עס איז געװען לעדיג פּאַפּיער ער שטעהט און ברעכט זיך דעם קאָפּף און װײַסט ניט װאָס טהוט מען דאָ ער װעט קומען צום פריץ און װעט איהם אָפּ געבען אַ לעדיגען בויגען פּאַפּיער ער װעט איהם גלײַך שיסען װײַל ער מאַכט חוזק פון איהם האָט ער זיך אָבער מיישב געװען אַז דער רבי האָט געהײַסען מוז מען פאָלגען אפילו װען עס האַלט בײַ סכנות נפשות און איז תיכף געגאַנגען מיט'ן בריעף צום פריץ דער פריץ נעמט דעם בריעף אין האַנד אַרײַן און לײַענט איהם איבער און פרעגט דעם פאַקטער װער עס האָט דעם בריעף געשריבען האָט ער איהם דערצעהלט אַז ער איז געװען בײַם ראַדזומינער רבי'ן האָט ער איהם מיט געגעבען דעם בריעף צו איהם . און דער פריץ איז תיכף געװאָרען אַנ'אַנדער מענש און האָט שוין גאָר ניט געקלעהרט װעגען אָפּ זאָגען דעם פאַקטער פון דער פאַכט אדרבא ער האָט איהם נאָך געפרעגט אפשר איז דיר צו טהײַער , װעל איך דיר אָפּ לאָזען צום צװײַטען מאָהל װען ער איז געקומען צום רבי'ן פרעגט איהם דער רבי װאָס מען הערט דערצעהלט ער איהם די גאַנצע מעשה און האָט אויך ניט פערפעהלט דאָס אַז ער האָט געעפענט דעם בריעף און ער איז געװען לעדיג , דער רבי הערענדיג דאָס האָט זיך אַ חאַפּ בײַם קאָפּ געגעבען און זאָגט צו איהם דו האָסט זיך זעלבסט איבער געפיהרט דו װאָלסט געקענט רײַך װערען

דורך

# מעשיות נוראים

דורך דעם בריעף אויף קינד'ס קינדער עס וואלט געבליבען ביי דיר פריץ דעם גאנצער פארמעגען נור די רעכטע גוטע ווערטער זענען א וועק געפלויגען

**אונטער** ציזעוו האט געוואוינט א קאוואל זעהר א פראסטער מענש האט ער געלעבט מיט זיין ווייב צעהן יאהר און האט קיין קינדער נים געהאט האט ער געהערט אז אין ראדזמין איז דא א רבי וואס מענשען פאהרען צו איהם און ווערען געהאלפען האט ער זיך מיישב געווען ער וועט אויך פאהרען צום רבין אפשר וועט ער אויך געהאלפען ווערען מיט קינדער און ווייל ער האט גערעכענט אז דער רבי איז אויך להבדיל אזא פריץ ווי דער פריץ פון זיין דארף ד'דורך ווי ער איז א ריין געקומען צום רבין האט ער זיך א ראפ געגומען דאס היטעל ווי דער רבי האט דאס דער זעהן זאגט ער צו איהם שמייכעלדיג איך בין נים קיין פריץ דא דארף מען נים א ראפ נעמען דאס היטעל און פרעגט ביי איהם וואס ער פערלאנגט דערצעהלט ער איהם אז ער פערלאנגט ביי איהם א ברכה ער זאל געהאלפען ווערען מיט איין בן זכר ענפערט איהם דער רבי אז די וועסט מיר געבען כך וכך געלד וועסטו געהאלפען ווערען זאגט ער איך האב דאך נים אזוי פיעל געלד ענפערט דער רבי וועסטו געבען ביסלעכווייז איז ער ביישטאנען און האט איהם געגעבען דאס געלד סך הסתם איז ער א היים געפארען און גע-האלפען געווארען מיט א בן זכר און ער האט זיך אפ גערוהט עטליכע יאהר און האט ווייטער נים געהאט קיין קינדער איז ער ווייטער געפארען צום רבי'ן זאגט ער אז די וועסט אפ צאלען פון יעדען קינד כך וכך וועסטו האבען קינדער ער איז תיכף ביישטאנען ווי עס האט שוין געהאלטען ער האט שוין געהאט זיעבען קינדער האט ער דאס זיעבעטע קינד נים געמאלדען ביים רבין ווייל עס איז איהם געווען א שאד ער וועט דארפען פון דעם קינד אויך אפ צאלען ווי ער איז געקומען צום רבין האט ער געהייסען שרייבען א קוויטעל און געהט דער מיט ארייין צום רבין ווי דער רבי נעמט דאס קוויטעל אין דער האנד ארייין זאגט ער צו איהר און חיימאל וואס מאכט דו מיינסט אז די נארסט מיך די נארסט זיך האט ער געזעהן אז דער רבי לאזט זיך נים נארען זאגט ער צום רבין עס איז פערפאלען איך קען נים לייקענען עס געהט נים און האט דעם רבי'ן געגעבען א געוויסע סוממע פאר דעם זיבעטען קינד אויך און ער האט זיי אלע אויף געהאוועט און האט געזעהן פון זיי קינדער און קינד'ס קינדער.

**איינמאהל** איז געקומען א פאקטער צו איהם און האט זיך פאר קלאגט פאר איהם אז די קוה פאלען איהם ענטפערט איהם

איהם דער רבי אז דו וועסט מיר געבען איין רו״ב פון א קוה וועלען זיי לעבען, דעם פאקער איז דאך געווען א שאר צו געבען א סך געלד האט ער איהם געזאגט אז ער האט ווינציגער קוה ווי פיעל ער האט באמת געהאט פערשטייט זיך אז די קוה וואס ער האט אפ געצאהלט זענען מעהר ניט געפאלען נאר די רעשט זענען ווייטער געפאלען איז ער ווייטער געקומען מיט א קלאג צום רבי׳ן ענטפערט איהם דער רבי מיינע קוה פאלען נישט נאר דיינע.

עס איז א מאהל געקומען א יודענע, וואס איהר מאן פלעגט פארען צום רבי׳ן און פאר קלאגט זיך פאר׳ן רבי׳ן אז זי האט א שלעכט מזל ביים מאן, ענטפערט איהר דער רבי פאר א היים איך וועל שוין רעדען מיט דיין מאן גוטס אויף דיר ווען דער מאן איז צו איהם געקומען און האט זיך פארקלאגט אויף זיינע געשעפטען, ענטפערט ער איהם פאלג מיר אז דו וועסט געהן מאכען א געשעפט זאלסטו זיך מיישב זיין מיט דיין ווייב ווי זי וועט דיר זאגען אזוי זאלסטו טהון וועט זיך גיט אויס לאזען עס איז איהם אפילו געווען א וואונדער דעם רבי׳נס ענטפער ווייל ער האט ניט געהאלטען זיין ווייב פאר אזא קלוגע אז מען זאל זיך קענען מיישב זיין וועגען געשעפטען נאר אז דער רבי הייסט אזוי האט ער אויף זיך גענומען ער זאל פאלגען דעם רבי׳ן און האט נאר ניט איבער געפרעגט דעם רבי׳ן ווי ער איז א היים געקומען האט מען איהם אנגעשלאגען צוויי גרויסע געשעפטען און ער האט זיך ניט געקענט מעכטיגען וועלכעס געשעפט ער זאל מאכען האט ער צו־גערופען דאס ווייב און זאגט צו איהר מיין ווייב מען שלאגט מיר אן צוויי געשעפטען דאס האט א זעלכע מעלות מיט א זעלכע חסרונות און דאס האט א זעלכע מעלות מיט חסרונות זי האט אויס געגראצט אויף איהם א פאר פארוואונדערטע אויגען וואס ער פלעגט איהר קיין מאהל ניט פרעגען וועגען געשעפטען און גראד יעצט פרעגט ער איהר, זי האט זיך איבער געקלערט א ביסעל און ענטפערט איהם תמ׳ועטע מיר דאכט זיך אז דאס געשעפט, דערמאנענדיג זיך דעם רבי׳נ׳ס פארזאג האט ער איהר מעהר ניט איבער געפרעגט און האט גענומען דאס געשעפט וואס דאס ווייב האט איהם געהייסען און האט פאר דיענט א גרויסע סומע געלד, האט ער פון דאן אן שוין ערליך געהאלטען זיין ווייב.

עס איז געווען געווען דאס שלאפקייט הלי רע ר״ל האט ער געגעבען א סגולה מען זאל אויף שרייבען אויף א שטיקעל פארמעט

דעם

# מעשיות נוראים

**דעם נאמען פון אברהם אביגו'ס מוטער אמתלאי בת כרנבו און דאס שטיקעל פארמעט אויף הענגען איבער דער טהיר וועט דאס זיין א שמורה, האבען הונדערטער מענשען אזוי געטהון און זענען ניצול געווארען פון טוידט רח"ל.**

**אין** ווארשא אויפ'ן שולעך דארט ווי עס האט געוואוינט דער חידושי הרי"ם זענען א מאהל געזעסען עטליכע בחורים און האבען גע-דאכט פון דעם וואס חסידים פלעגען דאן זאגען אויף ר' ר' בונם זצוק"ל אז חאטש ווי בעוואוסט איז ער געווען א סגי נהור פונ-דעסטוועגען זעהט ער און ווייסט אלעס נאך בעסער ווי איינער וואס זעהט, און זיי האבען געזאגט אז עס איז א אוממעגליכע זאך אז א סגי נהור זאל אלעס זעהן און וויסען, איז ביי זיי געבליבען אז אזוי ווי עס איז געווען צווישען זיי א בעל עגלה'ס א בחור וואס דער חידושי הרי"ם פלעגט ביי זיין פאטער דינגען א קאטש צום פאהרען צום ר' ר' בונם זצוק"ל, אז דער בחור זאל מיט פאהרען אלס קאטשער און ער וועט זעהן צו ערקונדיגען די זאך צו עס איז אמת ווי די חסידים זאגען האבען זיי פערלאנגט פון בחור א צוזאג און האבען ביי איהם געפועלט, בקיצור ווען עס איז געקומען די צייט וואס דער חידושי הרי"ם זצוק"ל האט געדינגען די קאטש צו פאהרען צום ר' ר' בונם האט דער בחור געבעטען ביים פאטער אז ער זאל איהם לאזען מיט פאהרען מיט'ן חידושי הרי"ם צום ר' ר' בונם וויל ער גליטט שטארק איהם צו קענען און אפשר וועט ער קריגען עפעס א ברכה פון איהם, האט איהם דער פאטער געגעבען רשות צו פאהרען אלס קאטשער און ווי ערשטוינט איז דער בחור געבליבען ווען אלע זענען אריין געגאנגען נעמען שלום ווי דער שטייגער איז, און ער איז אויך מיט געגאנגען מיט זיי, ווי דער ר' ר' בונם זצוק"ל האט אנגענומען זיין האנד מיט זיין הייליגע האנד האט ער תיכף געפרעגט ווער איז דער דאזיגער רויטער בחור [ווארום דער בחור איז געווען אומגעוועהנליך רויט] האט דאן דער בחור געזעהן אז דער אמת איז מיט די חסידים וואס זאגען אז דער רבי ר' בונם זצוק"ל זעהט און ווייסט אלעס.

**ווי** עס איז געקומען נאך שבת איז דער ר' ר' בונם זצוק"ל מיט זיין הייליגע חבריא געפארען שפאצירען אונטער דער שטאדט אויף דעם בחור'ס קאטש איז ער דאן אויך געווען דער קאטשער ווי ער איז אונטער געפארען ווייט פון שטאדט און זיי האבען שוין געוואלט פאהרען צוריק, האט זיך דער זעלבער בחור א נידער געלייגט

אויף

אויף דער ערד און האט געזאגט אז ער וועט בשום אופן ניט פאהרען ביז דער ר' ר' בונם וועט איהם בענשען און תאטש די היליגע חבריא האבען געבעטען שטארק ביי איהם און האבען איהם געוואלט געבען געלד אבער ער האט זיך געהאלטען ביים זעלבען אז ער וועט ניט פאהרען ביז דער רבי וועט איהם בענשען ווי דער רבי האט געזעהן אז ער האט ניט קיין שום עצה ווארום עס איז ניט געיען צווישען די חבריא א זעלכער וואס זאל וויסען ווי זיך צו בייגעהן מיט א פערד און קאטש, נאר ער מיז אנקומען צום בחור ער זאל פאהרען האט ער געזאגט צום בחור גיב די האנד וועל איך דיר בענשען דער בחור איז תיכף אויף געשטאנען פון דער ערד מיט שמחה און איז צוגעלאפען צום רבי'ן און האט איהם דערלאנגט די האנד האט איהם דער רבי געזאגט איך ווינש דיר לאנג לעבען און זאל דיר דיין גאנץ לעבען ניט פעהלען קיין געלד, ווי דער רבי האט געענדיגט די ברכה איז דער בחור גלייך ארויף אויף די קאטש און איז מיט זיי געפאהרען בשלום אין שטאדט אריין.

**אין** א צייט ארום האט דער בחור חתונה געהאט און האט זיך מפרנס געוועזען פון גלעזערייא און האט זיך גאנץ שעהן געלעבט עס האט איהם נאר ניט געפעהלט, ווי די קינדער זיינע זענען אויף געוואקסען האט ער זיי גאנץ שעהן חתונה געמאכט; ער האט זיי געגעבען גאנץ שעהנע נדנים און אויף דער עלטער איז ער געבליבען אליין מיט זיין ווייב און האט נאך געקענט טהון די מלאכה און האט געהאט א טויזענד רו"כ געלד, און וויל ער האט מורא געהאט פאר א גניבה פלעגט דאס ווייב האלטען דאס געלד אויפגעהאנגען אויפ'ן האלדז, איינמאהל איז ער ניט געוועזען אין דערהיים און דאס ווייב פלעגט האבען א נאטור צו בלייבען אלע מאהל חלשות, און ביי איהם אין די ערשטע שטוב האט געוואנט פון די פראווינץ א יוד וואס איז נאר געוועזען אליין אין ווארשא אהן א פאמיליע ווי דער יוד האט דערהערט אז זי איז געבליבען חלשות איז ער גלייך אריין אין דער צווייטער שטוב איהר מונטערען און ווי ער האט בעמערקט ביי איהר אויפ'ן הארץ דאס געלד האט איהם אנגענומען א שטארקען חשק צום געלד און ער האט דאס צו גענומען און זי האט נאר ניט בעמערקט נאר ווען איהר מאן איז א היים געקומען און האט צו איהר געזאגט זי זאל איהם עפעס געלד געבען ער דארף קויפען גלאז האט זי דאן בעמערקט אז איהר פעהלט דאס געלד מען הייבט אן זוכען אומעדום אבער און ערפלאג, איז ער געפאהרען קיין ראדוטין

צום

צום רבי׳ן און האט איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה האט ער זיך דערמאנט ווארום ער איז דאן אויך געווען דערביי האט ער ארײן גערופען זיין זוהן הרה״צ ר׳ שלמה זצוק״ל און האט איהם דערצעהלט דאס אלעס און האט איהם געהייסען ער זאל איהם לייהען דרייסיג רו״כ און זאגט אז אויפ׳ן ר׳ בונם׳ס ברכה קען מען זיך פארלאזען צו לייהען אפילו א גרעסערע סומע פון א סך טויזענטער רובלעס מכל שכן אזא קליינע סומע איז די ברכה א וודאי א גוט בטוחות, אויך האט ער איהם אנגעזאגט אז ער זאל דעם יוד אפ זאגען פון די דירה תיכף ווי ער וועט נאר א היים קומען, ער האט צו גענומען די דרייסיג רובעל און האט זיך געזעגענט און איז א היים געפארען און האט מקיים געווען וואס דער רבי האט איהם געהייסען ער האט אפ געזאגט דעם יוד פון די דירה און ער איז א רוים פון איהם און פאר די דרייסיג רובעל האט ער געקויפט גלאז און אין דעם זעלבען טאג ווי ער איז נאר א רוים אין נאס מיט דעם קעסטיל גלאז אויף די פלייצעס האט איהם געטראפען דער נאטשאלניק פון צוטאדעל און האט איהם אנגעמיטהען ער זאל געהן מיט איהם אנעמען ארײן שטעלען פענסטער אין פעסטונג און חאטש ער האט אין אנהויב ניט געוואלט ווייל ער האט מורא געהאט האבען צו טהון מיט פאליציי האט ער איהם אבער גענומען מיט געוואלד, און ער איז א היים געקומען פון דארט מיט א פארדיענסט פון לערך אכט הונדערט רו״כ און איז גלייך געפארען קיין ראדזמין און האט מיט גענומען די דרייסיג רובעל וואס ער האט געבארגט, און אין א קורצע צייט ארום איז דער יוד וואס האט געוואנט ביי איהם שלאף געווארען האט ער געשיקט נאך דעם אמאליגען בעל־בית זיינעם און האט זיך פאר איהם מתודה געווען אז ער האט צו גע׳גנב׳ט די טויזענד רו״כ נאר עס איז איהם שוין א ביסעל אוועק געגאנגען האט ער איהם אוועק געגעבען די רעשט געלד וואס איז איהם נאך געבליבען.

עס איז אמאהל א רוים א גזירה אז מען זאל פארברענען דעם ש״ך זענען זיך צונויף געפארען רבי׳ס, איז געבליבען ביי זיי אז מען זאל אויס זובען א רב וואס קען רעדען גוט רוסיש און דער אמשינאווער רבי זצוק״ל זאל מיט איהם געהן צום גענעראל גובערנאטור בעטען ער זאל מבטל מאבען די גזירה האט דער אמשינאווער געזאגט אז ער דער ראדזמינער זצוק״ל זאל אויך מיט געהן האט איהם דער ראדזמינער זצוק״ל געענטפערט אז זיי זאלען געהן און ער וועט שוין דארט אויך זיין, ווי דער אמשינאווער זצוק״ל איז ארײן געקומען

געקומען און דער רב האט גענומען רעדען זייער געבעט האט דער פירשט געחאפט א ביקס און האט זיי געוואלט שיסען און פרעגט זיי א וואסערע העזה האט איהר מיר צו זאגען א דעה נאר אזוי ווי ער האט גענומען די ביקס האט ער זי תיכף א וועק געשטעלט און זאגט צו זיי ווער איז דאס קלײנע יודעל וואס שטעהט און האלט מיך צו און לאזט מיך ניט שיסען און אייך האט ער זיי געהייסען קומען מארגען אויף צו מארגען זענען זיי געקומען האט ער זיי צו געזאגט מבטל צו מאכען די גזירה

**עס** איז אמאהל געקומען א ראדזימינער בעל בית איהם מכבד זיין מיט סנדקאות זאגט ער צו איהם איך וואלט א ודאי געוואלט געהן צו דיר איך בין געוועזן ביי דיר אויף דיין חתונה און געטאנצט נאר וואס זאל איך טהון איך בין א געבראכענער מענש קאם וואס איך געה איבער די שטוב און די ערשטער יאהרען האב איך נאך א טיש אין פרשוסחא געטאנצט מיט'ן קאצקער פון טיש א ראפ און אויפ'ן טיש א רויף.

**דער** ר' ר' בונם פלעגט זאגען אז ביי ר' יעקיל'ע זצוק"ל ברעכט זיך דער בוידעם פון די נשמות וואס קומען צו איהם ער זאל זיי א רוים געבען א תיקון איינמאהל איז ער געוועזן ביים ר' ר' בונם סוכות ווי עס איז געקומען דער ערשטער טאג חול המועד סוכות וואס איז דאן יעקב אבינו'ס אישפוזא אין ביי רבים פיהרט מען זיך אז אין יעדע אישפוזא קומען מענשען וואס הייסען דעם זעלבען נאמען ווי דער אישפוזא און דער רבי איז זיי מכבד לכבוד דעם אישפוזא און גראד דאן האט גאר גערעגענט האבען זיך חבריא מיט איהם גערייצט אז און דעם טאג פון זיין אישפוזא רעגענט גאר האט ער זיי געענפערט אז זיי זאלען איינלעגען א רובל אויב אז מען וועט אריין געהן אין סוכה אריין וועט ניט אויף הערען צו רעגענען איז געבליבען ביי זיי זאלען אריין געהן צום ר' ר' בונם זצוק"ל דערצעהלען דאס ווי זיי זענען אריין געקומען צום ר' און איהם דערצעהלט ענטפערט ער זיי איהר קלערט נאך צו דער ארעמאן קען ביים אויבערשטען אלעס פועל'ן ער בעט ביי איהם ווי א קינד ביים פאטער און פועל'ט אלעס

**עס** איז א מאהל געקומען קיין ראדזמין א בחור וואס האט זיך פארקלאגט פאר'ן רבי'ן אז ער האט געדונגען א סאד פון פיריצען און זיי דארען, האט איהם דער רבי געפרעגט צו ער זאגט תהלים אלע טאג האט ער געענטפערט אז ער פארסיידט טייל=מאהל, האט דאן דער רבי זצוק"ל א רוים גענומען פון שיפלאד א גאנץ גרויסע

קערש

קערש און האָט געזאָגט איך זאָג דיר צו אַז דו וועסט זאָגען אַלע טאָג אַ יום תהלים וועט אין דיין סאַד וואַקסען אַ זעלכע גרויסע קערשען האָט איהם דער בחור צו געזאָגט האָט ער פערדיענט אין דעם סאַד אַ סך געלד.

ווי בעוואוסט פלעגט דער ראַדזימינער זצוק״ל פאַרדינגען הורענדעס אין פאַכטען ד״ה אַז עס איז געקומען צו איהם אַ פאַכטער און האָט זיך פאַר איהם פערקלאָגט אַז דער פריץ וויל איהם אָפּזאָגען פון די פאַכט פלעגט ער נעמען ביים פאַכטער אַ געוויסע סוממע און איהם צו געזאָגט צו דער פריץ וועט גלייך ווי ער וועט אַ היים קומען רופען צו זיך און איהם זאָגען אַז ער בלייבט ווייטער און געוועהנליך פלעגט שטענדיג אַזוי זיין. אַ סך מאָהל האָט דער פריץ דערצעהלט ווי אַן אַלטער יוד קומט צו איהם אַלע נאַכט אין חלום און סטראַשעט איהם מיט שרעקליכע סטראַשינקעס אַז ער וועט אָפּזאָגען דעם יוד פון זיין פאַכט, פלעגען זיך געפינען פאַכטערס קלוגע וואָס האָבען זיך געמאַכט תמ׳ווטע פר׳ן פריץ און איהם פרעגען ווי דער אַלטער זעהט אויס פלעגען זיי אָפּ משל׳ען אַקוראַט דאָס אויסזעהן פון ראַדזימינער זצוק״ל. איינמאָהל איז געקומען איינער וואָס האָט זיך פאַרקלאָגט פאַר׳ן רבי׳ן אַז אַ גוי האָט איהם אויסגעדינגען ביים פריץ די מיהל וואָס דער יוד האָט געהאַלטען אין הורענדא האָט דער רבי אָנגעשריבען אַ בריעף צו דעם זעלבען גוי אַז ער בעט ביי איהם אַז ער זאָל ניט אויס דינגען די מיהל דעם יוד, ווייל דער יוד האַלט שוין די מיהל אַזוי פיעל יאָהרען און איז שוין בעקאַנט אין די וואַסערען און אויך מיט די גוים אַרום פערדיענט ער זיין פרנסה. אויך זאָל ער רחמנות האָבען אויף דעם יוד׳ס הויזגעזינד וואָס עס בעשטעהט פון אַוועב מיט אַכט קליינע קינדער און דער רבי שרייבט אויך אין בריעף אַז ער זאָגט איהם צו אַז אויב ער וועט איהם פאָלגען וועט ער מצליח זיין אין אַנדערע געשעפטען און גיעט איהם צו פערשטעהן אַז דער אויבערשטער איז מזמין יעדען זיין פרנסה און מען דאַרף ניט קריכען אין יענעמס געשעפטען. און האָבש דער יוד האָט געצווייפעלט צו דער בריעף וועט עפּעס פועלן ביי דעם גוי ווייל ער האָט איהם געקענט אַז ער איז אַקנאַפּער מאַמין אין אַ זעלבע זאַכען נאָר ווייל דער יוד האָט געהאַט גרויס אמונה אין רבי׳ן האָט ער גענומען דעם בריעף און האָט זיך געזעגענט מיט׳ן רבי׳ן ווי ער איז גלייך געפאָרען צו דעם גוי מיט דעם בריעף, ווי ער איז געקומען צום גוי האָט ער איהם גענומען בעטען אַז ער זאָל אויף איהם רחמנות האָבען אויך אויף זיין הויזגעזינד און זאָל איהם ניט אויסדינגען די מיהל און האָט איהם

איך

אויך געגעבען דעם בריעף דער גוי האט איבער געלייענט דעם בריעף
און האט זיך גאנץ גוט אוים געלאכט און זאגט צום יוד מאכט אייך
ניט נאריש מיט אייערע רבים זאג דיין רבין אז ער זאל מיר ניט
זאגען קיין דעה'ס און מיינע געשעפטען איך זאג איהם אויך ניט קיין
דעה'ס אין זיינע געשעפטען יעדער האט נאר צו שאפען בײ זיך אין
שטוב ניט איבער יענעם . דער יוד האט געזעהן אז ער וועט מיט
איהם גאר ניט מאכען איז ער פון איהם א וועק געגאנגען און איז
א היים געפאהרען ווי ער איז א היים געקומען פרעגט ביי איהם זיין
ווייב ווי ער איז געווען האט ער איהר דערצעהלט אז ער איז געוועזן
ביים רבין און האט דעם רבין דערצעהלט פון דעם וואס דער גוי וויל
איהם אויסדינגען די מיהל און ווי דער רבי האט איהם געגעבען א
בריעף צום גוי און וואס דער גוי האט איהם געענטפערט. זאגט דאס
ווייב צו איהם פאלג מיך און פאהר נאך אמאהל צום רבי'ן און דערצעהל
דעם רבין וואס דער גוי האט דיר געענטפערט. אין תחילת האט זיך
איהם ניט געגליסט ווייל עס איז איהם געווען א שאד עטליכע רו"כ
הוצאות נאר אז עס האט אבער אנגעריקט די צייט וואס עס האט זיך
נעדארפט ענדיגען דער טערמין פון דעם קאנטראקט וואס דער יוד
האט געהאט אויף די מיהל האט ער גענומען שפורען ווי וועהטאג
ווי ער דארף אין א קורצער צייט ארום צוברעכען ווערען און ארויס
ציהען זיך פון די מיהל וואס ער זיצט שוין אין איהר אזוי פיעל
יאהר און איז זיך גאנץ שעהן מפרנס און האט נאך פער איבעריגט
א היבשען קאפיטאל און יעצט ווייס ער נישט צו וואס מען נעמט זיך
האט ער זיך מיישב געווען אז ער זאל פאלגען זיין ווייבס עצה וואס
זי האט איהם געראטען אז ער זאל פאהרען נאך א מאהל צום רבין
און איהם דערצעהלען וואס דער גוי האט איהם געענפערט . כך הוה
ער איז געפאהרען נאך א מאהל צום רבין אזוי ווי ער איז אריין גע-
קומען צום רבי'ן איידער ער האט נאך איבער געלייענט דאס קוויט-
על זאגט צו איהם דער רבי דער גוי האט דיר א וודאי גע-
ענטפערט אז איך זאל איהם ניט פארדרעהן קיין קאפף און זאל
זיך ניט מישען אין זיינע געשעפטען האט איהם דאן דער יוד
דערצעהלט אלעס וואס דער גוי האט איהם געענטפערט האט איהם
דער רבי נאך א מאהל אנגעשריבען א בריעף אז ער מיינט זיך ניט
צו מישען און זיינע געשעפטען נאר אזוי ווי דאס איז א אומבעקאנט וואס-
ער און ער וועט זיך דאך אוודאי וועלען באדען ע"כ ראהט ער איהם אז
ער זאל ניט אוים דינגען די מיהל ווארום ער קען נאך דערטרינקען ווערען
דער יוד האט התילות ניט געוואלט נעמען דעם בריעף און זאגט צום רבין

וואס

וואס וועל איך דא געהן מיט בריעף צו איהם דער רבי זעהט דאך דעם רעזולטאט
פון דעם ערשטען בריעף, ענטפערט איהם דער רבי נעם דעם בריעף
און פאהר צו איהם און זארג גאר ניט איך זאג דיר צו אז ער וועט
קיין זעקיל זאלץ ניט אויף עסען אין מיהל, דער יוד האט גענומען
גענומען דעם בריעף און איז נאך א מאהל געפאהרען צום גוי ווי ער
איז געקומען צום גוי האט דער גוי צומאהל ניט געוואלט רעדען מיט
איהם און זאגט צו איהם איך האב דאך דיר איינמאהל געענטפערט אז
דו זאלסט מיר ניט פערדרעהן קיין קאפף מיט דיינע נארישקייטען זאגט
ער צו איהם אז דער רבי האט נאך א מאהל געשיקט צו איהם א
בריעף ענטפערט להבדיל דער גוי. איך האב דאך דיר איינמאהל געזאגט
אז די זאלסט זאגען דיין רבי'ן אז ער זאל זיך ניט מישען אין מיינע
געשעפטען, נאר איך בין א בעלן צו זעהן וואס ער שרייבט מיר דארט
דער גוי נעמט דעם בריעף און לייענט איהם איבער און ברעכט אויס
מיט א גרויס געלעכטער און זאגט ער געהט מיר גאר פערזאגען מיין
לעבען, און זאגט צום יוד זאג דיין רבין אז ער זאל זיך ניט זארגען
פאר מיין לעבען איך קען גאנץ גוט שווימען איך האב פאר קיין
וואסער ניט קיין מורא דער יוד האט געזעהן אז ער וועט מיט איהם
גאר ניט מאכען איז ער פון איהם אוועק געגאנגען און א היים געפאהרען נאך
מיט מעהר עגמת-נפש וואס האט איהם נאך געקאסט א היפשע סומע געלד
הוצאות, ווי עס איז אנגעקומען די צייט וואס האט זיך געענדיגט דער קאנט-
ראקט איז דער יוד נעבעך ארויס מיט צער און דער גוי להבדיל איז אריין
און האט בעגייט די מיהל מיט נייע מאשינען און האט זיך גאנץ שעהן איינ-
געארדענט און פלעגט זיך אלע טאג געהן באדען, אז ער איז אינטער-
געזעסען א צייט האט ער געמאכט א באל פאר די פריצים פון ארום
זיין מיהל, און האט זיי אויף דעם באל דערצעהלט די גאנצע
מעשה אז דער רבי פון ראדומין האט איהם געשריבען אז ער זאל
ניט דינגען די מיהל ווייל ער קען נאך דער טרינקען ווערען און
ווי ער האט זיך דערפין אויסגעלאכט ווייל ער איז זעהר דער גרויסער
שוימער, נאך דעם באל האט ער געבעטען די פריצים זאלען געהן
זיך באדען אין זיין וואסער ווי ער וועט זיי ווייזען זיין גרויס
קענטעניס אין שווימען די פריצים האבען זיך געלאזט אנרעדען און
זענען מיט איהם געגאנגען, און ווי ערשטוינט זענען זיי געווארען
צו זעהן זיינע קונסטען אין שווימעריי אבער נאך מעהר זענען זיי
ערשטוינט געווארען ווי אין מיטען שווימען איז ער א ראפ צום גרונד
און שוין מעהר ניט ארויף געקומען האבען זיי אלע פון דאן אן
געגלויבט אין יודישע רבי'ס און דער פריץ פון די מיהל האט
צוריק

צוריק געשיקט נאך דעם יוד און האט איהם פארדינגען די מיהל נאך וועלוועלער ווי פריהער און האט די אלע נייע מאשינען אפגעקויפט ביים גוי'ס אלמנה פאר העלפט געלד און איז שוין זיין גאנץ לעבען געזעסען אין מיהל און געלעבט בכבוד גדול מיט גרויס עשירות.

**נאענט** פון ראדזמין אין דארף בוען האט געוואוינט איינער מיט'ן נאמען ישראל וואס זיין פרנסה איז געווען פון פיש פאנגעריי דער ישראל האט'ש ער איז ניט געווען דער גרויסער למדן איז ער אבער געווען ווי אלע פארצייטיגע יודען א הויפטערליכער מאן און האט זיך אפגעהיטען גאנץ שעהן יודישקייט, דאוועגען תפילין לייגען שבת היטען און אלעס וואס צו א יוד געהער און פלעגט זיך גאנץ שעהן מפרנס זיין פון די פיש פאנגעריי א מאהל האט זיך געטאכט א צייט וואס האט איהם אויף געהערט די הצלחה אין פלעגט גאר ניט חאפען קיין פיש אז עס האט איהם ניט געסטארטשעט אויף קיין פרנסה א מאהל האט ער זיך פארקלאגט פאר דעם סעראצקער שוחט ר' קאפיל אז ער האט ניט קיין פרנסה ענפערט איהם דער שוחט פאלג מיר איך פאהר אויף שבת קיין ראדזמין צום רבין פאהר מיט אפשר וועט ד ר דער רבי געבען א ברכה האט ער זיך געלאזט אגרעדען און איז מיט געפאהרען ווי זיי זענען געקומען קיין ראדזמין זענען זיי ביידע גלייך א ריין געגאנגען, און דער ר' קאפיל האט פארגעשטעלט דעם ר' ישראל'ן אז ער איז א פישער און איז געקומען בעטען ביים רבי'ן א ברכה, ווי דער רבי האט דערהערט איז ער שטארק בייז געווארען און זאגט צו דעם ר' קאפיל שוחט איך דארף דיר ניט פאר קיין מעקלער און האט זיי ביידע אנגענומען און ארויס גע-ווארפען, און דאס פלעגט שוין זיין ביי די חסידים א סימן אז ווען דער רבי האט ארויס געווארפען איז ער א נעהאלפענער, עס האט ניט געדארט קיין האלבע שעה ווי דער רבי האט דעם ר' ישראל ארייין געריפען און זאגט צו איהם אז דו וועסט מיר צו זאגען אז דו וועסט ניט פערפעהלען קיין מנחה דאוועגען אום דאנערשטיג ווארום איך האב געהערט אז די פישערס דאנערשטיג פאר נאכט ווען זיי קומען צו די גוים וואס חאפען פיש שיכור'ן זיי זיך מיט זיי אן און פארפעהלען ד'דורך דאס רוב מאהל מנחה דאוועגען האט דער ר' ישראל געענטפערט דעם רבי'ן אז ער זאגט איהם צו אז פון היינט אן וועט ער ניט שיכור'ן מיט די גוים און וועט קיין מנחה ניט פערפעהלען האט איהם דער רבי צו געזאגט אז ער וועט מקיים זיין וועט ער האבען א ברכה אין די פיש און עס וועט איהם קיינמאהל קיין פרנסה ניט פעהלען און ער האט זיך געזעגענט מיט'ן רבין און איז א היים געפאהרען ווי עס איז געקומען דאנערשטיג פארנאכט האט ער דאס ערשטע

# מעשיות נוראים

ערשטע האָב געדאַוועט מנחה און איז געגאַנגען דערנאָך צו די גוים
וועגען די פיש די גוים האָבען זיך אויף איהם פערווינדערט וואָס
ער זאָגט זיך אָפּ פון צו טרינקען מיט זיי ווי זיין געוואָנהייט
איז געוועזן האָט ער זיי כלומר׳שט געזאָגט אַז ער איז ניט געזונד
אָבער ווי ערשטוינט זענען זיי אַלע געוועזן ווי ער האָט דאָס מאָהל
געחאַפּט אומגעוועהנליך מעהר ווי אַלע מאָהל פאַר אַסומע פון צוויי
הונדערט רובל בקיצור דעם ר׳ ישראל האָט גענומען וואַקסען אין
עשירות אומנאַטירליך ער האָט חתונה געמאַכט זיינע אַלע קינדער בכבוד
גדול און האָט אויף געשטעלט עטליכע שעהנע הייזער און עס איז
איהם נאָך געבליבען אַ היבשע סומע געלד דאָס האָט זיך אַזוי גע-
פיהרט שעהנע יאָהרען ביז ער האָט פאַרגעסען פון וואַנעט זיין
הצלחה האָט זיך דערנומען און האָט אויפגעהערט אָפּ צו היטען דאָס
מנחה דאַווענען פון זאַנערשטיג, און עס האָט איהם אָנגעהויבען צו
געהן מיט פוטער אַ ראָפּ ביז ער האָט איבערגעפיהרט זיין גאַנץ פער-
מעגען און האָט אויך קיין פרנסה ניט געהאַט האָט ער זיך מיישב
געוועזן ער וועט פאָהרען קיין ראַדזימין צום רבי׳ן ווי ער איז געקומען
קיין ראַדזמין איז דאַן גראַד געוועזן אַ גרויסער עולם מענשען און
ווי געוועהנליך האָט דער משמש ר׳ הערשיל אַריין געלאָזט פריהער
די נגידים און די צייט פון אַריין קומען צום רבי׳ן איז געוועזן ביז
איינס-בייניאַכט ווי עס איז געקומען איינס-ביינאַכט און דער ר׳ ישראל
איז נאָך ניט געוועזן ביים רבי׳ן האָט ער זיך גענומען בעטען ביי
ר׳ הערשיל משמש מיטיטש איהר געדענקט גאָר ניט איהר פלעגט
דאָך אויך ניט צו רעגען צו מיר, אין די ערשטע יאָהרען פלעגט
איהר ביי מיר חאַפּען אַ פינף און צוואַנציגער אויך האָט אויף מיר
רחמנות און לאָזט מיר היינט אויך אַריין ר׳ הערשיל משמש האָט
געזעהן אַז ער האָט רעכט נאָר ער האָט דאָך אָבער מורא געהאַט
פאַר׳ן רבי׳ן ער זאָל זיך ניט בייזערען אויף איהם וואָס ער לאָזט
איהם ניט אָברוהען און לאָזט אַריין מענשען נאָך די צייט, האָט ער
כלומר׳שט גענומען שרייען זעהטץ נאָר ווי זיי לאָזען מיר ניט צו
מאַכען די טהיר ישראל בוהענער וואָס האָסטו זיך אַ נידער
געשטעלט אין די טהיר, און דו לאָזט מיר ניט צו מאַכען די טהיר,
דער רבי דאַרף זיך דאָך אַ ביסעל אָפּרוהען אויך! ווי דער רבי
האָט דערהערט איז ער אַריין צו געקומען צו די טהיר און האָט
געהייסען הערשיל משמש ער זאָל איהם אַריין לאָזען האָט ער איהם
תיכף אַריין געלאָזט ווי ער האָט איהם אַריין געלאָזט און דער רבי
זצוק״ל האָט גענומען דאָס קוויטעל אין די האַנד אַריין זאָגט ער

צו

צו איהם, פרנסה זאָג איך דיר* צו אַז השי״ת וועט דיר העלפען און וועסט האָבען. עס וועט דיר גאָר ניט פעהלען נאָר עשירות זאָג איך דיר ניט צו גלויב מיר אַז אַזוי חי עס איז שווער צו צי האַקען אַ פיהר שטיינער, אַזוי איז שווער צו פּועל׳ן פאַר אַ יוד פרנסה וואָרעם זייט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרען איז צו גענומען די שפע פון יודען און מען האָט דאָס אַוועק געגעבען די אומות און די יודען נעמען יעצט די שפע ביי זיי ד׳דורך איז אַזוי שווער נאָר איך פערהאָף אַז עס וועט שוין אַזוי לאַנג ניט דויערען עס וועט קומען אַ ישועה צו יודען במהרה בימינו אמן.

ר׳ יעקיל׳ע זצוק״ל פלעגט זומער פאָהרען קיין וואַרשא טרינקען מינעראַל-וואַסערן און ווי בעוויסט דאַרף מען נאָך דעם טרינקען די וואַסער לויפען אָדער געהן אַ סך אין דאָס אָרט פון טרינקען די וואַסערען פלעגט זיין אין קראַשינסקעס גאָרטען אויך דער אָבער-פּאָליצמייסטער פון וואַרשא פלעגט אַלע טאָג קומען אַ הין מיט זיין פרוי טרינקען וואַסער און דערנאָך שפּאַצירען אין גאָרטען און דער רבי זצוק״ל אז ער איז אַ דורך געגאַנגען אַ קעגען אַ נקבה פלעגט ער זיך אויס דרעהן מיט׳ן פנים און עס האָט זיך געדאַכט אַז ער גיט דאַן אַ שפּיי און אפשר האָט ער טאַקי אַזוי געטוהען כדי צו פאַרטרייבען אַ שלעכטען געדאַנק אין דאָס פלעגט שטאַרק פערדריסען דעם אָבער-פּאָליצמייסטער, און אין דעם גאָרטען האָט דאַן געהאַט אַ געוועלב צ קאָרלענדער דייטש וואָס ער פלעגט אויך אַכטונג געבען אויף דעם אָרדנונג אין גאָרטען און דער דייטש האָט אויך געהערט פון גרויסקייט נון ראַדזמינער רבי׳ן האָט ער איהם ד׳דורך זעהר אָרענטליך בעהאַנדעלט. דער אָבער-פּאָליצמייסטער האָט זיך נאָך געפרעגט דעם דייטש ווער דער אַלטער איז האָט דער דייטש אוהם פאָרגעשטעלט אַז ער איז זעהר אַ געטליכער מאַן האָט דאָס איהם נאָך מעהר פאַרדראָסען ביז ער איז אַרויס פון געדולט און האָט פאַראָרדענט דעם דייטש אז ער זאָל מעהר דעם אַלטען אין גאָרטען ניט אַריין לאָזען דער האָט אָבער מורא געהאַט צו טשעפּען מיט דעם רבי׳ן אויך האָט ער איהם זעהר ליעב געהאַט האָט ער זיך ניט ווישענדיג געמאַכט ער האָט גערעכענט אַז דער אָבער-פּאָליצמייסטער וועט אויך פאַרגעסען צום באַדויערען אָבער האָט ער ניט פערגעסען און ער איז אַריין צו איהר און האָט איהם שטרענג אָפּ געזאָגט אַז צו מאָרגען אַז ער וועט קומען אין טרעפען דעם אַלטען דאָ וועט ער ביי איהם צונעמען זיין קאָנצעסיע און וועט איהם אַרויס טרייבען פון דאַנען דער דייטש האָט זיך ניט געוויסט קיין עצה צו געבען

ער

ער זאל ניט פאלגען דעם אבער-פאליצמייסטער האט ער מורא גע-
האט פאר זיך, ער זאל איהם יא פאלגען האט ער ווייטער מורא
געהאט פאר'ן רבי'ן האט ער זיך מיישב געווען ער האט אריין גע-
רופען צו זיך איינעם פון די משמשים און האט איהם דערצעהלט אין וואס
דא האנדעלט זיך האט דער משמש געענטפערט אז ער וועט דער-
צעהלען דערפון דעם רבי'ן האט ער דערצעהלט דעם רבי'ן האט
דער רבי זצוק"ל געענטפערט זאג דעם דייטש ער זאל ניט שרעקען
ער וועט מארגען א הער ניט קומען דער משמש האט גלייך איבער-
געגעבען דעם רבינ'ס תשובה דעם דייטש ער האט אפילו ניט פארשטאנען
דעם פשט אין רבינ'ס ווערטער נאר דאס האט ער געוואוסט אז דער
רבי זאגט וועט געווים אזוי זיין, די זעלבע נאכט האט דער אבער-פאליצ-
מייסטער געזעהן אין חלום די זעלבע סצענע ווי ער נעהמט אין גארטען
מיט זיין פרוי שפאצירען און דער אלטער געהט אדורך און גיט א שפיי,
דאס זעלבע האט זיך איבער גע'חזר'ט עטליכע מאהל א שטארק אויפ-
גערעגטער איז ער אויפגעשטאנען ווען ער איז ארויס אין גאס פון זיין
קאבינעט און האט צו גערופען א דראשקארש ער זאל מיט איהם פאהרען
אין זיין ביורא אריין דער דראשקארש איז תיכף צוגעפארען און ער האט
זיך אריין געזעצט אין דראשקע אריין דער דראשקארש הובט אן צו
פארען און פארשטעפיט צו אומגליק אין א נאנדערע דראשקע און האט זיין
דראשקע שיעור ניט איבערגעדרעהט דער אבער-פאליצמייסטער גיעט
א שפרינג א רוים פון די דראשקע און גיעט א חאפ א רוים די שווערד
און גיעט דעם דראשקארש א שטארקען קלאפ איבערען קאפף אין
צום אומגליק הרג'ט ער איהם אויפ'ן ארט, אין גאס ווערט א
שטארקער טומעל און עס גיעט זיך איין דעם אבער.. א רוים צודרעהען
זיך און א שטארק דערשראקענער חאפט ער באלד א צווייטע דראשקע
און פאהרט צוריק א היים צו זיך און דערצעהלט זיין פרוי פון דעם
אומגליק וואס האט זיך איהם געטראפען אין גאס זי ענטפערט
איהם אז זי האט שטארק מורא מען זאל די זאך ניט געוואהר
ווערען ע"כ איז איהר עצה ער זאל גלייך ארויס פאהרען קיין אויס-
לאנד א אויפגערעגטער און א דערשראקענער געפעלט איהם איהר עצה
און אן שהיות פאהרט ער איבער-געטהוענערהייט ארויס קיין אויסלאנד
אויפצומארגענס איז שוין געווען פארשפרייט די ידיעה אין אלע צייטונג-
ען וועגען דעם אבער פאליצ-מייסטער מיט דעם דראשקארש,
און ווי ער איז געפארען קיין אויסלאנד, און וועגען נעהן שפאצירען
מיט די פרוי אין קראשינסקעס גארטען איז שוין נאר קיין רעדע
ניט געווען, האט דאן דער דייטש פארשטאנען פשט אין רבינ'ס ווערטער

# מעשיות נוראים

און פון דאן אן פלעגט ער איהם נאך מעהר ארענטלעבער בעהאנדלען און פלעגט ניט טהוען קיין שום זאך ער זאל ניט זיך פריהער פרעגען אן עצה דעם רבי'ן זצוק"ל.

עס איז א מאהל געקומען איינער און דאט פערלאנגט פון רבי'ן א ברכה ער זאל האבען קינדער האט איהם דער רבי געהייסען געבען א פדיון הונדערט און פופציג רו"כ דער יוד הויבט זיך אן געמען סטייטש רבי הי וועל איך נעמען אזוי פיעל געלד איך בין דאך א יוד אן ארימאן העכסטען קען איך געבען א פינף און צוואנציגער דער רבי ענטפערט איהם עס וועט דיר גאר ניט פועלן דיין דינגען זיך מיט הונדערט ניין און פערציג רו"כ וועסטו אויך ניט. מאכען גאר הונדערט און פופציג דער יוד האט געזעהן אז ער וועט דא גאר ניט אפ דינגען ענטפערט ער דעם רבין ביי מיר האב איך ניט נאר איך וועל א היים פאהרען וועל איך מיר פערזעצען משכנות אפשר וועל איך צונויף מאכען די סומע געלד דערווייל האט ער גערעכענט זיך מיישב זיין מיט זיין ווייב אויך מיט מענשען וואס ער זאל דא טהוען ער געזעגנט זיך מיט'ן רבי'ן און פאהרט א היים ווי ער איז אהיים געקומען פרעגט ביי איהם זיין ווייב וואס דער רבי האט געענטפערט האט ער איהר דער צעהלט אז דער רבי וויל הונדערט און פופציג רו"כ וועט ער איהם צו ווינשען ער זאל האבען א בן־זכר זאגט זי: סטייטש האסט דאך געקענט זאגען דעם רבין אז דיין גאנץ פערמעגען טרעפט ניט אן קיין הונדערט און פופציג רו"כ ענטפערט ער איהר מן השמים האב איך ניט געווארט אז די זאלסט מיר הייסען זאגען נאר איך האב אליין געוואוסט וואס איך האב צו טהוען נאר דער רבי האט מיר געענטפערט אז עס איז אומזיסט מיין דינגען אז איך וועל ניט ברענגען קיין הונדערט און פופציג רו"כ וועט זיך גאר ניט אנהויבען ענטפערט זי: לאז זיין ווי נאך ווייט מאכען אז איך וועל שוין פערקויפען אלעסדינג און איך וועל שוין מאכען דאס געלד און איך וועל שוין האבען א קינד און אויב וועל דאס ניט האבען צו געבען עסען איז אויך ניט גוט און עס איז אפשר ערגער ווי יעצט, דער מאן איז אויך בייגעשטאנען. [illegible] טבת ווען זי איז געזעסען מיט שכנת'עם און גערעדט, [illegible] געווען בעלנים צו פרעגען וואס דער רבי האט געענטפערט איהר מאן האט זי פאר זיי פאר טרויעט אז דער רבי וויל ביי איהם הונדערט און פופציג רו"כ וועט ער געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר ווי זי האבען דאס דערהערט זענען זיי אלע אויף איהר אנגעפאלען און זי בייזיגען סטייטש וואס טהוט מען בעט פאר קינדער ווענען [illegible]

העמד אויפ'ן לייב פערקויפט מען און מען פערלאזט זיך אויף השי"ת אז ער וועט דיר געבען קינדער וועט ער דיר געבען צו די קינדער, זייערע רעד האט שטארק געווירקט אויף איהר ביז זי האט בעשלאסען זי זאל אזוי טהוען און זי איז גלייך ארייך צו זיך אין שטיב און זאגט צום מאן זאלסט וויסען אז איך האב מיר מיישב געוועזן און מען זאל פערקויפען וואס מען פערמאגט און מען זאל א וועק פיהרען דעם רבי'ן דאס געלד און השי"ת וועט אונז ניט פערלאזען האט זי אוים געפיהרט מיט טרערען אין די אויגען, איהרע רעד האבען אויף איהם געווירקט און ער האט אויך מסכים געוועזן צו איהר, תיכף נאך שבת האבען זיי גענומען אוים קלויבען די אומנויטיגע זאכען פון שטוב און האבען זיי פערקויפט אין קאם צונויף געקליבען דאס געלד און ער איז א וועק צום רבי'ן מיט דעם געלד און דער רבי האט איהם געגעבען א ברכה אז ער זאל אין א קורצע צייט געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר ער האט זיך געזעגענט מיטין רבי'ן און איז א היים געפארען און פונקט צום יאהר האט זיין ווייב געבוירען א בן־זכר די שמחה וואס איז דארט געוועזן קען מען זיך פארשטעלען ער איז תיכף געפאהרען קיין ראדומין מבשר זיין דעם רבי'ן אז זיין ברכה האט געווירקט ער האט דאס קינד גאנץ גרינג אויסגעהאדעוועט און השי"ת האט געהאלפען ער האט געטוהען מיט איהם א שידוך ביז עס האט שוין געהאלטען ביי א חתונה און צום בעדויערען האט ער ניט געהאט קיין פלאן ער זאל האבען אויף חתונה הוצאות האט ער זיך מיישב געוועזן ער וועט פאהרען קיין ראדומין צום רבי'ן אפשר וועט איהם דער רבי ווייטער געבען א ברכה ער זאל האבען אויף חתונה הוצאות, איז ער געפאהרען צום רבי'ן דער רבי איבערלייענדיג דאס קוויטעל האט תיכף געזאגט צום משמש ער זאל א פיר נעמען פון אינטערען פירטען באלקאן א טיכעל וואס עס ליגט דארט, דער משמש האט תיכף א פיר גענומען דאס טיכעל און דאס דערלאנגט דעם רבי'ן ווי דער רבי האט ארוים גענומען נאך דאס זעלבע געלד די הינדערט און פופציג רו"כ וואס ער האט דאן געהאט גענומען ביי איהם און זאגט צו איהם נא דיר צוריק א וועק דיין געלד וועסטו האבען חתונה צו מאכען דער יוד א ביסעל קלערענדיג ניט וויסען וואס צו טוהען, א צומישטער פון גרוים פערוואונדערונג האט דאס געלד צוגענומען און האט זיך געזעגענט און אהיים געפארען און האט חתונה געמאכט דעם זוהן און עס איז איהם נאך געבליבען א ביסעל געלד ווי ער האט מיט דעם ווערר מצליח געוועזן און האט אוים געלעבט זיינע יאהרען בכבוד גדול

# מעשיות נוראים

אין די שטאָדט נאָסאָטנין ווי עס האָט דאַן אין ראַדזומינערס זצוק"ל צייט געלעבט הרה"צ ר' יחיאל מאיר זצוק"ל האָבען געוואָנט צוויי שותפים וואָס האָבען געהאַנדעלט אַ סך יאָהרען בשותפות און האָבען מצליח געווען ווי זיי האָבען פּעראיבעריגט שעהנע עטליכע טויזענט רו"כ און האָבען אַנטליהען אַ רייכען גוט בעזיצער פיער טויזענט רובעל און דורך אַ אומגעריכטע סיבה איז דער גוט בעזיצער געווען נעווֹיט צופערקויפען זיין גאַנצען מאַיאָנטעק ניט אַ וועק געבען די שותפים זייער חוב און איז אַליין אַ וועק קיין אויסלאַנד, די שותפים געוואָהר ווערענדיג פון דעם זענען צוקאָכטע אַריין געלאָפען צום נאָסטאָנינער ער זאָל זיי געבען אַן עצה ווי אַזוי צו ראַטעווען זייער חוב האָט ער זיי געענטפערט אַז איהר ווילט מיך פאָלגען פאָהרט אַריין קיין ראַדזומין ער איז אַ בריה צו אַזעלכע זאַכען זיי גלויבענדיג אין נאָסטאָנינער זצוק"ל און הערענדיג די וואונדער פון ראַדזומינער זצוק"ל האָבען ניט לאַנג געקלעהרט און זענען תיכף אַריין געפאָהרען קיין ראַדזומין ווי זיי זענען אַריין געקומען צום רבין און האָבען איהם דערצעהלט וועגען וואָס זיי זענען געקומען און אַז דער נאָסטאָנינער זצוק"ל האָט זיי געהייסען פאָהרען צו איהם האָט ער זיי מעהר ניט געענטפערט נאָר אַז איהר וועט זיין אין וואַרשא זאָלט איהר זיין אין יודישען שפּיטאָל, ניט פאַרשטעהן דעם רבינס ענטפער נאָר גלויבענדיג אין זיינע רעד האָבען זיי זיך געזעגענט און זענען אַריין געפאָהרען קיין וואַרשא גלייך אין יודישען שפּיטאָל ווי זיי זענען אויסגעגאַנגען אַלע צימערען פון די קראַנקע און ניט וויסענדיג וואָס צו טוהען זענען זיי אָן ערפאָלג אַרויס געגאַנגען און האָבען שוין געוואָלט מיט צובראָכענע הערצער צוריק אַ היים פאָהרען ווי זיי האָבען געוואָלט אַרויס געהן פון טויער האָבען זיי זיך דערמאַנט אַז זיי זענען ניט געווען אין די צימערען פון די אַנשטענדיגע קראַנקע, ווי זיי האָבען פריער מורא געהאַט אַ ריין צוגעהן נאָר ווייל עס איז זיי געווען אַ שאָד אַזאַ גרויסע סוממע געלד און גלויבענדיג אין ראַדזומינערס זצוק"ל רייד זענען זיי צוריק אַריין אין שפּיטאָל און כאָטש די וועלכערס האָבען זיי אין תחילת ניט אַריין געלאָזט נאָר וואָס פועלט מען דען ניט פאַר געלד ווי זיי זענען אַריין געקומען אין איינעם פון די צימערען איז געלעגען אַ קראַנקער יוד אין די מיטעלע יאָהרען, און זעהענדיג ווי זיי דרעהן זיך גלאַט אַרום גיט פרעגען זיך אויף קיין שום קראַנקען מענש האָט ער זיי געפרעגט וועמען זיי זוכען דאָ האָבען זיי אין תחילת ניט געענטפערט ווייל זיי האָבען געדענקט אַז זיי וועלען קיין שום רעזולטאַט ניט האָבען נאָר ווי דער שטייגער פון אַ קראַנקען

קראנקען מענש וואס ליגט אומעדינגערהייט אבגעריסען פון זיין פאמיליע און פון מענשען אז ער קריגט אין א מענשען וואלט ער גערען און איהם געפונען א זעלבען וואס ער זאל זיך קענען אויסרעדען זיין שוועהר ביטער הארץ אבער ער זאל פון איהם געוואהר ווערען עפעס נייעס ער זאל זיך דערמוט א ביסעל ארויס שלאגען זיין מרה שחורה קיים, האט דער קראנקער זיי עטליכע מאהל איבער געפרעגט וואס זיי טהוען דא, און זיי ניט געפינענדיג קיין שום רעזולטאט פון זייער זוכעניש ביז יעצט האבען זיי גערעכענט אפשר וועלען זיי אין איהם געפינען א זעלבער וואס וועט זיי העלפען האבען זיי איהם דערצעהלט די גאנצע מעשה. דער קראנקער אויסהערענדיג דאס אלעס גענוי האט ער ביי זיי געבעטען א שטיקעל ווייס פאפיער מיט א בלייא שטיפט ווי ער האט זיי אויף געשריבען אנ'אדרעס און זאגט צו זיי געהט צו דעם און דערצעהלט איהם וואס איהר פערלאנגט ער וועט אייך ארויס ראטעווען אייער געלד און עס וועט אויך ניט פערפאלען ווערען קיין איין פרוטה ער וועט ביי אייך וועלען פאר זיין טירחה פופציג רובעל גאר זאלט איהם זאגען אז איך האב אייך צו איהם געשיקט וועט ער גאר נעמען פינף און צוואנציג רו"כ, זיי האבען צו גענומען דעם אדרעס און געזעגענט זיך מיט'ן קראנקען און איהם געווינשען ער זאל בקרוב האבען א רפואה שלימה און זענען גלייך אוועק צום זעלבען מענש און האבען איהם געגעבען פינף און צוואנציג רו"כ ווי ער האט זיי געגעבען אנ'עצה וואס זיי זאלען טהוען און זיי האבען גענומען דאס געלד מיט אלע קאסטען ווי זיי זענען אהיים געקומען קיין גאסטאנין זענען זיי גלייך אריין צום רבין ווי זיי האבען איהם דאס אלעס דערצעהלט ענטפערט ער זיי איך האב דאך אויך באלד געזאגט אז דער ראדזמינער איז אבריה צו א זעלכע זאכען.

**ווען** עס איז געווען אין ראדזמין די חלי רע רח"ל איז דאן געווען די הוטערין אויפ'ן גיטען ארט ביי די מתים ר' שלמה מורה הוראה'ס ווייב ווען איהר שוואגער פון יאדעווע איז געוואהר געווארען אז אין ראדזמין איז רח"ל שלאפקייטען איז ער געפאהרען קיין ראדזמין איהר מיט די קינדער נעמען אויף א פאר וואכען קיין יאדעווע זי האט דאך אבער געוואוסט אז די שטאדט אין דער רבי זצוק"ל וועלען געוואהר ווערען דערפון וועלען זיי איהר ניט לאזען פאהרען האט זי אבגעשמועסט מיט'ן שוואגער אז ער זאל ארויס פאהרען אינטער דיע שטאדט ווי זי וועט דערנאך זיך אויך ארויס גנב'נען פון שטאדט דער רבי זצוק"ל איז אבער תיכף געוואהר געווארען דערפון און האט צו איהר תיכף דעם משמש געשיקט אז זי זאל תיכף קומען זי איז תיכף געגאנגען

און

און ער האט צי איהר געזאגט נאר וואס לויפסטו איך זאג דיר צו אז דיר מיט דיינע קינדער וועט קיין שום בייז ניט שאדען מיר זאל אזוי ניט שאדען ווי אייך וועט ניט שאדען:

די זעלבע איז געהאט שלאף געוועזען אויף א שרעקליכען טיפוס רח"ל און די דאקטוירים האבען איהר מייאש געוועזען פון צו לעבען. איז איהרע א טאכטער אבתולה געלאפען מיט א געוואלד צום רבין האט איהר אין תחילת הערשיל משמש ניט ארייען געלאזט, דער רבי הערענדיג איהר געוואלד איז אליין ארויס געקומען און זאגט צו איהם לאז אריין מיין שלמה'ס טאכטער ווי דער רבי האט איהר געפרעגט וואס זי שרייט אזוי, זי האט איהם דערצעהלט, ענטפערט דער רבי וואס בין איך א גאט וואס איהר קומט צו מיר היים זאגען תהלים, לויף אויפ'ן גוטן ארט. זאגט זי סטייטש הייליגער רבי יעצט שבת צו נאכטס הייסט מיר דער רבי געהן אויפ'ן גוטן ארט. זאגט דער רבי צו שלמה משמש וואס איז גראד דאן געוועזען ביים רבין אין שטוב נעם געשווינד צונויף צעהן מענשען און געה מיט איהר אויף דעם גוטען ארט צו איהר זיידענס קבר ר' בנימין חיים ז"ל און זאג איהם דארט אז איך האב דיר געשיקט צו איהם ער זאל איהר זעהן צוטוהען א טובה זי זאל זיין געזינד שלמה משמש ניט קענען פארזאגען דעם רבין אויך צוליעב איהרע געשרייען וואס זי האט געשריגען און געוויינט האט תיכף צונויף גענומען צעהן מענשען, און זי א ציטערדיגע און א שרעקענדיגע צוגעהן בייגאכט אויף דעם גוטען ארט וואס זי איז זייט זי לעבט נאך ניט געוועזען האט זיך אנהאלטענדיג אין איינעם א באקאנטען יוד וואס איז געוועזען צווישען זיי מיט געגאנגען מיט זיי און קאם א לעבעדיגע א רויף געקומען אויפ'ן גוטען ארט און צוגעקומען צי איהר זיידענס קבר און האט אויס געגאסען איהר שוועהר ביטער הארץ מיט גרויסע געשרייען און געוויין און קאם א לעבעדיגע אהיים געקומען פון גוטען ארט אהיים ווי זי האט נעבאך געטראפען איהר מוטער אין א ערגערען צושטאנד ווי פריער און אויך א פיערע שטוב מענשען וואס זענען געקומען אפ געבען איהר מוטער איהר לעצטען כבוד צו זיין ביי איהר יציאת נשמה, עס האט ניט געדויערט קיין האלבע שעה ווי הערשיל משמש איז געקומען צו לויפען פון רבין באשר אזוי ווי דער רבי איז געזעסען און געדרימעלט האט ער זיך אויף געחאפט און זאגט כהאי לישנא, וואס א חלום איז. יעצט איז ביי מיר געוועזען בנימין חיים און האט מיר געזאגט אז מען זאל נעמען א וועלשענע נים און צושפאלטען אויף צווייען און ארויס נעמען פון אונעווענינ און ארויף לעגען די ביידע העלפטען אויף ביידע שלייפען וועט זי תיכף שוויצען האט ער געהייסען דעם משמש ער זאל

ארויס

# מעשיות נוראים

ארוים נעמען פון זיין שופלאד א וועלשענע נים און האט זי אריין צושפאלטען אויף צוויען און ארוים גענומען פון אונטעווענינ און גע־ נעבען די צוויי האלבע שאלעכטס הערשיל משמש ער זאל זיי א וועק טראגען צו די קראנקע מען האט תיכף ארויף געלעגט די שאלעכטעך אויף איהרע שלייפען ווי זי האט אין א פיערטיל שעה ארום גענימען שוויצען און איז פעלינ געזינד געווארען ווי זי האט נאך געלעבט נייננצעהן יאהר

**איינמאהל** איז מען געקומען צום רבין וועגען א קינדבעטארען וואס זי איז זעהר שלאף געוועזן האט ער זצוק״ל זיך אויסגעפרעגט ווי עס איז איהר דערגאנגען אין איהר טראגען האט מען איהם דערצעהלט אז דאס קינד האט מען געהערט וויינען ווען עס איז נאך געוועזן אין די מוטערס בויך ענפערט ער אזוי פערוואס האט מען באלד מיר נים דערצעהלט פון דעם, נאר איידער די מוטער איז דאך גלייכער דאס קינד עס האט נישט לאנג גע־ דויערט איז די מוטער געזינד געווארען און דאס קינד איז שלאף געווארען איז מען ווייטער געלאפען צום רבין האט ער גענטפערט אז דאס לעבט לאז דאס שוין לעבען.

**איינמאהל** איז מען געקומען צום רבין וועגען א קינד וואס איז נעבוירען געווארען און ?זיט ווי די ווייבער האבען בארעכענט איז דאס געוועזן א נאכטעל ד״ה א קינד וואס ווערט געבוירען אין אכטען חודש וואס ווי בעוואוסט קען דאס נישט לעבען האט זיך דער רבי זצוק״ל אויסגעפרעגט געניי און זאגט אז מען זאל ניט דערוועגען צוזאגען אז דאס איז א נאכטעל נאר דאס איז א צייטיג קינד און עס וועט לעבען און זיין געזינד און כך הוה.

**איינמאהל** איז געקומען אפרוי פון לאדז און האט זיך פערקלאגט פאר׳ן רבי אז מען האט ארעסטירט איהרם א מאן אומשולדינ באשר מען איז געוואהר געווארען פון אחברה וואס ארבייטען פאלש געלד איז מען איהר מאן אויך חושד אז ער איז פון די ארגעניזאציע און מען האט איהם ארעסטירט. האט איהר דער רבי זצוק״ל געענפערט אז זי וועט איהם צוזאגען אז זי וועט אפ היטען יודישקייט [ווארעם זי איז געוועזן א דייטשעשע פרוי] אויך אז דער מאן וועט ארוים פריי זאל ער קומען און צוזאגען אז ער וועט זיך פיהרען ווי א יוד ויעט ער איהר געבען אברכה אז ער וועט זיין פריי האט זי דאס אלעס צוגעזאגט, און טאג פון די כפראזיע האט דער א רעסטאנט געזעהן ווי די צוזישען די ריכטערס דיעהם זיך ארום א אי־ אלטער יוד א קלייניר און זיצט צוזאמען מיט זיי און אלולקט צוביך

אין

אין זיין האנד. [נאר ער האט ניט געהאט קיין כוח ער זאל זיך פרעגען וועהר דאס איז]. און ער איז ארויס פריי. איז ער געפארען מיט זיין פרוי קיין ראדזמין צום רבין אזוי ווי זיין פרוי האט צו געזאגט דעם רבין, ווי ערשטוינט איז ער געווארען פון גרויס פאר וואונדערונג ווי ער האט פערזיך דערזעהן דעם זעלבען אלטעטשקען וואס ער האט דאן געזעהן ביי די ספראווע צווישען די ריכטער און ווי ער איז אריין געקומען האט ער אנגעשריי געטהוען צו זיין פרוי דאס איז דאך דער זעלבער יודע וואס איך האב איהם גע-סטערען ביי די ספראווע צווישען די ריכטער געזעהן. האט זיך דער רבי זצוק"ל געפרעגט וואס ער זאגט האט איהם דער משמש געזאגט אז ער זאגט אז ער האט געזעהן דעם רבין צווישען די ריכטער ענטפערט דער רבי דעם משמש די האסט דאך מיר אליין געזעהן דעם זעלבען טאג א גאנצען טאג אין דערהיים. אהענליכע מעשה איז געווען מיט א מקשה לילד ר"ה א אשה וואס איז געגאנגען שווער צום קינד און דער מאן איז געקומען צום רבין זצוק"ל ער זאל איהם געבען א ברכה אז זי זאל אויף געבינדערט ווערען, און ווען השי"ת האט געהאלפען זי איז איבער געקומען האט זי דערצעהלט אז עס האט זיך איהר געדאכט ווי זי איז געווען אין הימעל און מען האט איהר געמשפט אין דעם, איז א רויף געקומען אן אלטער יוד און האט צו איהר געזאגט וואס מהומט דא די דארפסט דא ניט זיין ווי זי איז תיכף נאכדעם געהאלפען געווארען האט זי אב געמשלט דאס אויסזעהן פון דעם אלטען איז דאס געווען ניט קיינער נאר דער ראדזמינער זצוק"ל

אין דארף חוולקע סלאבסק האט געוואוינט א פריץ מיט'ן נאמען טאמשאנאסקע וואס ער איז געווען דער גוט בעזיצער פון יענעם דארף, ער איז געווען עהר א רייכער מאן און איז געווען אגרויסער לעבע יונג וואס האט איהם א סך געפרעגנט דערצו וואס ער האט געלעבט מיט זיין ווייב וויפיעל יאהר און האט מיט איהר קיין קינד ניט געבוירען איז ד'דורך איז צווישען זיי קיין גרויסער שלום ניט געווען פלעגט ד'דורך זיין צווישען זיי גרויסע מחלוקת אז עס איז איהר פערמאוכט געווארען איבער לעבען און עס האט וויפעל מאהל געהאלטען דערביי אז זי זאל זיך אליין נעמען דאס לעבען נאר צו איהר גליק איז מען יעדעס מאהל געוואהר געווארען און מען האט איהר דערפון אב געהאלטען. דער זעלבער גוט בעזיצער האט געהאלטען אפאקטער ביי זיך מיט'ן נאמען שמואלקע וואס ער איז געווען תאטש ניט דער גרויסער למדן נאר ווי אלע פערצייטיגע יודען זעהר א הערליכער מאן

וואס

וואס אויך דער פריץ האט אין איהם זעהר געגלויבט און האט זיך ניט געריהרט צו טהוען קיין שום זאך אן איהם ווי אויך די פריצה פלעגט אלעס מיט איהם בעזארגען וואס זי האט געדארפט פון שטאדט און ד׳דורך פלעגט זי אלע מאהל קומען צו איהם אין שטוב אריין און אויך זיך אוים רעדען פאר איהם איהר שועהר ביטער הארץ וואס ער האט אויך געהאט מיטלייד מיט איהר, איינמאהל זאגט ער צו איהר ווילסט מיך פאלגען, אין ראדומין איז דא א גרויסער רבי וואס בעוויזט גרויסע וואונדערליכע זאכען און וויפיעל מענשען זענען שוין פון זיינע ברכות געהאלפען געווארען, און אויך איך אליין פאהר האפט צו איהם און האב שוין געהאט פון איהם גרויסע טובות ע״כ איז מיין עצה אז דו זאלסט אויך פאהרען צו איהם און איהם דערצעהלען דיין שועהר ביטער הארץ פילייכט וועסטו קריגען פון איהם א ברכה און וועסט אויך געהאלפען ווערען, זיינע רעד האבען געמאכט אויף איהר א שטארקען איינדריק און זאגט צו איהם איך זעלבסט האב שוין אויך געהערט פון די גרויסע וואונדער וואס דער רבי בעוויזט נאר וואס קומט ארויס דער פון דאס אלעס איז פאר איך יודען אבער מיר וועט מען דאך ניט אריין לאזען צום רבין און אפילו מען וועט מיך יא אריין לאזען פילייכט פערשטעהט דער רבי ניט קיין פוילניש וועט ער דאך מיר גאר ניט פערשטעהן, נאר אז דו בויזט מיר באמת געטריי וועל איך דיר געבען אויף הוצאות און פאהר דו קיין ראדומין צום רבין אפשר וועסטו פועלן פערמיינעט וועגען א הילף און פילייכט דארף קאסטען פאר׳ן רבין א מתנה מעגסטו אויף מיין רעכענונג געבען, ער איז בייגעשטאנען, און איז געפאהרען קיין ראדומין צום רבין זצוק״ל האט דער רבי געהייסען זי אליין זאל קומען, ער איז אהיים געפאהרען און האט איהר איבערגעבען דעם רבינ׳ס ענטפער האט זי בייגעשלאסען זעלבסט צופאהרען און זי איז תיכף אויפ׳ן צווייטען טאג געפאהרען און האט אויך מיט גענומען דעם פאקטער פאר א וועג ווייזער און האט אויך מיט גענומען עטליכע איינדריקעס פאר׳ן רבינ׳ס וועגען א מתנה און איז אריין געגאנגען צוזאמען מיט דעם פאקטער צום רבין דער פאקטער האט דערצעהלט דעם רבי זצוק״ל איהר ביטער הארץ און אז זי פערלאנגט פון רבין א ברכה. האט דער רבי זצוק״ל געענטפערט אז זי וועט צו זאגען אז זי וועט קיין מאהל שלעכטס ניט טהוען קיין יודען וועט זי האבען א זוהן, האט זי צוגעזאגט האט זיך דאן דער רבי אויף געשטעלט און האט געזאגט רבונו של עולם עס איז דא אזוי פיעל גוים לאז זיין נאך אגוי, זי איז תיכף אהיים געפאהרען ווי זי האט אין א קורצע צייט געבוירען א זוהן און אלע פלעגען

פלעגען איהם רופען ראביונעק ד״ה ער איז געבוורען דורכ׳ן רבינ׳ס ברכה און פלעגט אלע מאהל שיקען דעם רבין מתנות מיט דעם פאקטער שמואלקע וואס דער רבי פלעגט זיי איהם הייסען צוגעסען צוריק פארזיך.

**א געווּיסער** ר׳ שמואלקע האט געבעטען זיין שוואגער זוהן ר׳ איסור ער זאל איהם מזכיר זיין פאר׳ן רבי׳ן ער זאל געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר וויל דער ר׳ איסור איז געווען א ראדזמינער און פלעגט האפט אריין צוקומען צום רבין. איינמאהל ווען ער איז געבליבען אליין מיט׳ן רבין אין שטוב און האט דאן אנגעהויבען צורעדען מיט איהם וועלט זאכען אין שמועס זאגט דער ר׳ איסור צום רבין מיין פעטער שמואלקע האט מיך געבעטען איך זאל איהם מזכיר זיין ער זאל געהאלפען ווערען מיט א בן־זכר האט ער תיכף אנגעטהוען דעם כפאדעק און האט איהם דערלאנגט אשטיקעל פאפיער ער זאל איהם פערוויכערען די לולקע ער האט איהם אנגעצונדען דאס פאפיר און דער רבי האט פערוויכערט די לולקע און האט אנגעהויבען ארום צוגעהן איבער די שטיב אנ׳ערך פון א האלבע שעה צייט, ווי ער האט געענדיג דאס רויכערען זאגט ער צו איהם איך האב ניט פאר איהם און ער איז נעבאך געשטארבען לא עלינו אן קינדער,

**איינער** א ראדזמינער איז אמאהל נעקומען פאר׳ן לאס צום רבין ער זאל איהם ווינשען ער זאל ארויס ציהען אגרויסען נומער וואס דאן אז מען האט ארויסגעצויגען אגרויסען נומער איז מען געוויען בייפרייט פון פריזיוו, האט איהם דער רבי זצוק״ל געהייסען זאגען ווען ער וועט געהן צוהען דעם לאס זאל ער זאגען אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלינו ומה יפה ירושתינו וועט ער ארויס צוהען דעם גרעסטען נומער, און דאן פלעגט מען ציהען די לאסען אין יארעוויע ווען ער איז צוריק געקומען האט איהם דער רבי געפרעגט וואס מען הערט האט ער געענטפערט אז ער האט געצויגען א נומער וואס איז מיט איין נומער קלענער ווי דער גרעסטער האט ער פארוואונדערט געפרעגט וועהר דאס איז וואס האט נעצויגען דעם גרעסטען נומער האט ער איהם געזאגט, און יענער פלעגט פאהרען קיין גור האט דער רבי זצוק״ל געענטפערט מן השמים איז ער פריהער געווען אין גור און דער גורער זצוק״ל האט איהם פריהער צוגעזאגט, זיי זענען אבער ביידע בייפרייט געווארען.

**איינמאהל** איז געקומען איינער פרעגען אנ׳עצה וועגען א מיהל וואס עס האט איהם זיך געטראפען צו דינגען וואו ער צוק״ל האט איבערגעלייגט דאס קוויטעל ענטפערט ער זצוק״ל איהם זאלסט

זאלסט נישט דערוועגען צו דינגען ווארעם דער איפעסט וועט זיך אפ רייסען, עס איז נישט אוועק קיין אכט טאג ווי דאס וואסער האט אפ געריסען דעם איפעסט דער זעלבער האט איהם זצוק"ל געפרעגט אויף א צווייטער מיהל זאגט ער זצוק"ל צו הערשיל משמש ביירעכען וויפיעל דער פראצענט מאכט אויס פון דער סוממע געלד וואס מען דארף צאהלען א יאהר פאר די מיהל. הערשיל האט תיכף גענומען אויפ'ן פאפיער ביירעכענען און איהם געזאגט האט דער רבי זצוק"ל געענטפערט עס לוינט נישט, האט ער זיך געפאלגט און נישט געדינגען, נאר אצווייטער וואס איז נישט געקומען קיין ראדומין זיך פרעגען אנ'עצה האט זי גע־ דינגען און איז ארויס אנ'ארעמאן ר"ע.

**הרה"צ** הקדוש ר' ברוך שפירא סטוצינער זצוק"ל אדמו"ר מטשיזעווע איז איינמאהל געקומען קיין ראדומין אין דער צייט פון די חלי רע רחמנא ליצלן און זיין ווייב אין טשיזעווע איז אויך שלאף גע־ וועזן אויף דעם, איז ר' ברוך זצ"ל געוועזן זעהר אונרוהיג ווייל ער האט נישט געוואוסט וואס מען הערט ביי איהם אין רערהיים אז ער האט אזש נישט געקענט געהן דאווענען איז ער אריין געגאנגען צום רבין זצוק"ל און געזאגט צו איהם, דער רבי ר' בונם זצוק"ל האט געזאגט אז א מענש האט א בייז הארץ זאל ער אויס לאזען צום דאווענען און איך קען מיר נישט ביירוהיגען צו דאווענען ווייל איך ווייס נישט וואס עס הערט זיך ביי מיר אין דער היים, האט זיך דער רבי א ווייל פערטראכט און זאגט צו איהם איך זעה גלייך ביז קיין טשיזעווע אז אין דיין הויז איז אלדאס גוטס און דיין בני בית איז פעליג געזונד. איז ער זצוק"ל ארויס פון רבין מיט שמחה און האט געדאווענט און האט זיך פערצייכענט די צייט ווען ער איז גע־ וועזן ביים רבין. און ווי ערשטוינט איז ער געווארען ווען ער איז אהיים געקומען און האט געהערט אז אין די זעלבע מינוט איז זיין ווייב די רבצין פלוצלינג געווארען בעסער און האט זי שוין געטראפען פעליג געזונד.

**אין** די זעלבע צייט איז מען געקומען אויפ'ן רבינס הויף מיט א געוואלד אז אין ראדומין זעלבסט איז שלאף געווארען אנ'אשה וואס האט זיעבען קליינע קינדער אויף די זעלבע שלאפקייט. ווי דער רבי זצוק"ל האט געהערט זעהר א גרויס געוואלד ביי זיך אויפ'ן הויף האט געפרעגט וואס דאס איז אזא געוואלד האט מען איהם דערצעהלט האט ער זיך פלוצלינג אויפגעשטעלט און געזאגט רבונו של עולם געוואלד מען האט זיך שוין גענומען צו א מאמען פון זיעבן קליינע קינדער פון דאן און איז אין שטארט שטול געווארען און די זעלבע איז אויך געזונד געווארען.

איינמאהל

איינמאהל איז געקומען צום רבין פון זיינע מקורבים, און גע־בעטען רחמים פאר א חולה מסוכן האט דער רבי זצוק״ל צוגעזאגט אז ער וועט מתפלל זיין פאר איהם, אז דער רבי האט אנגעהויבען מתפלל זיין האט מען איהם מודיע געווען פון הימעל אז דער חולה איז נגזר געווארען אויף איהם מיתה האט זיך דער רבי אנ׳עצה געגעבען און געבעטען מען זאל איהם חאטש לאזען לעבען ביז ער וועט אויס רויכערן די לולקע טיטון און האט פארדויכערט א לולקע טיטון און האט זי אין מיטען געלאזט שטעהן און האט זי מעהר קיינמאהל ניט אויסגערויכערט און דער חולה איז געבליבען לעבען.

דער היינטינער ראדזומינער רבי זאל לעבען האט דערצעהלט אז ער האט געהערט פון זיין זיידען זצוק״ל אז ער האט דער־צעהלט ווי ער פלעגט צו זעהן דעם קאזניצער מגיד זצוק״ל וואשען זיך דעם קאפ אלע טאג מיט קאלטע וואסער און ווען מען האט איהם געפרעגט די אורזאכע דערפון האט ער געענטפערט ווייל אז ער מאכט עליות נשמה געהט דאן די נשמה אדורך א וועלט פון ברענענדיג פייער ווערט ד׳דורך דער מוח אפגעברענט און מיט די קאלטע וואסער לעשט ער דאס פייער

אויך האט ער דערצעהלט אז ער האט געהערט פון זיידען זצוק״ל דערצעהלען ווי ער איז געוועזן צווישען די חבריא וואס זענען מיט געפאהרען מיט׳ן רבי ר׳ בונם קיין דאנציג, אויפ׳ן ים ווי עס איז געקומען פרייטאג איז גראד דאן ניט געוועזן קיין פיש האבען די חבריא געהאט דערפון גרויס עגמת נפש אז דער רבי זאל ניט האבען קיין פיש אויף שבת האט דער רבי ר׳ בונם זצוק״ל געזאגט ווען די פיש וואלטען געוועזן קלוג וואלטען זיי זיך ארויף געווארפען אויף די שיף. ווי ער האט ארויס געזאגט די ווערטער האט זיך תיכף ארויף געווארפען א פיש אויף די שיף האבען זיך חבריא דערפרעהט וואס עס וועט ניט זיין קיין פארשטערטער שבת.

אויך דערצעהלט מען אז, דער רבי ר׳ בונם פלעגט הייסען דעם ראדזומינער זצוק״ל ער זאל איהם צו העלפען נעמען ביים עולם קוויטלעך ווען עס איז געוועזן א גרויסער עולם און אז דער רבי ר׳ בונם האט באמערקט פון טהייל חסידים וואס האבען דווקא געוואלט איהם זעלבסט אפגעבען דאס קוויטעל האט ער צו זיי געזאג־גלויבט מיר אז עס איז אלעס איינס.

---

## זײַנע טהײַערע ווערטער.

**אין** משלי ג׳ פסוק ט״ז שטעהט. אורך ימים בימינה. ד״ה אין די רעכטער זײַט פון די תורה איז דא לאנג לעבען, בשמאלה עשר וכבוד ד״ה און אין די לינקע זײַט פון די תורה איז דא רײַכקײַט און כבוד, און אין די גמרא שבת דף ס״ג עמוד א׳ פרעגט די גמרא פארוואס אין די רעכטע זײַט פון די תורה איז קײן רײַכקײַט מיט כבוד ניט דא, ד׳דורך ענטפערט די גמרא אז דער פשט אין פסוק איז אזוי די וואס לערנען תורה פון נאטס וועגען האבען לאנג לעבען אויך, חוץ וואס האבען רײַכקײַט מיט כבוד, און די וואס לערנען ניט פון נאטס וועגען האבען נאר בלויס רײַכקײַט מיט כבוד, האט דער ראדימינער זצוק״ל געפרעגט א קשיא פארוואס שטעהט אין פסוק ניט ארוים בפירוש רײַכקײַט מיט כבוד נאר עס איז נאר געדרינגען פון א קל וחומר פון די מענשען וואס לערנען ניט פון גאטס וועגען ד״ה איך דרינג זיך נאר ארוים אז זײַ האבען רײַכקײַט מיט כבוד פון דעם ווײַל מה דאך די מענשען וואס לערנען ניט פון גאטס וועגען האבען רײַכקײַט מיט כבוד מכל שכן די מענשען וואס לערנען פון גאטס וועגען האבען אודאי רײַכקײַט מיט כבוד אבער בפירוש שטעהט ניט אז זײַ וועלען האבען רײַכקײַט מיט כבוד און בײַ די מענשען וואס לערנען ניט פון גאטס וועגען שטעהט בפירוש ארוים אז זײַ וועלען האבען רײַכקײַט מיט כבוד: האט דער ראדזמינער זצוק״ל געענטפערט ווײַל עס שטעהט אין פסוק קהלת ה׳ פסוק י״ב עשר שמור לבעליו לרעתו ד״ה עס איז פאראן רײַכקײַט וואס איז אנגעברײַט צום שלעכטען חס ושלום ד׳דורך ווען עס וואלט געשטאנען ארוים בפירוש בײַ די מענשען וואס לערנען פון גאטס וועגען רײַכקײַט מיט כבוד וואלט דאס געמעגט זײַן חס ושלום צום שלעכטען אבער אז עס שטעהט ניט ארוים בפירוש נאר עס איז געדרינגען פון א קל וחומר ווי פריהער איז געשטאנען איז דאס רײַכקײַט נאר צום גוטען ווארום אײַנם פון די געזעטצין פון די תורה איז אין עונשין מן הדין ד״ה אז די זאכען וואס שטעהן ניט ארוים בפירוש אין די תורה נאר זענען געדרינגען פון א קל וחומר קומט ניסט אויף זײַ קײן שטראף איז דאס ממילא אויך ניט אין כלל פון דעם פסוק וואס זאגט אז עס איז פאראן רײַכקײַט וואס איז אנגעברײַט צום שלעכטען נאר דאס רײַכקײַט פון די מענשען וואס לערנען תורה פון גאטס וועגען איז געהיט און אנגעברײַט צום גוטען

**זעהר** א טהײַער ווארט האט ער אויך געזאגט אויף די רש״י אין חומש פרשת בלק, במדבר כ״ב פסוק י״ב. לא תלך עמהם לא תאור את העם כי ברוך הוא, זאגט רש״י פון מדרש רבה וועגען אז ווען השם יתברך האט געזאגט בלעם׳ן אז ער זאל מיט בלק׳ס שלוחים

ניט

ניט געהן האט ער געענטפערט אז אזוי וועל איך זיי שעלטען אויפ'ן ארט האט איהם השי"ת געזאגט לא תאר את העם, ד"ה זאלסט ניט שעלטען דאס פאלק האט בלעם ווייטער געזאגט אז אזוי וועל איך זיי בענשען האט איהם השי"ת געענטפערט זיי דארפען ניט דיין ברכה ווארום דאס איז א געבענשט פאלק, איז דאך זעהר אוואונדער ווי פאלט אוים בלעם צו וועלען זיי בענשען ער איז דאך געריפען געווארען פון בלק'ן זיי צו שעלטען ווערט ער פלוצלינג אגוטער פריינד אין וויל זיי בענשען נאר דער ענין דערפון איז אזוי ווי בלעם האט געזעהן אז ער וועט ניט קענען שלעכטס טוהען די יודען און זיי שעלטען האט ער זיך מיישב געווען ער וועט זיי בענשען מיט גרוים רייכקייט נאר די השפעה צו זיי זאל ניט געהן פון די קדושה נאר פון די קליפות כדי די יודען זאל'ן פון רייכקייט אראב געהן פון גוטען וועג וועט דאן ממילא השם יתברך זיין אין כעס אויף זיי וועט חס ושלום ממילא קומען אויף זיי שלעכטס, האט איהם השם יתברך געענטפערט זיי דארפען ניט דיין ברכה אז זייער השפעה זאל געהן פון די קליפות ווארום זיי זענען געבענשט פון זייערע הייליגע עלטערין געהט ממילא צו זיי די השפעה פון די קדושה און אז אפילו זיי וועלען זיין רייך וועלען זיי אויך געהן און גיטען וועג. אויך האט ער זצוק"ל נאך געזאגט פון רבי ר' בונם אויף דעם ערשטען פסוק פון די תורה בראשית ברא. אז אפילו ווען די וועלט איז שוין געווען בייאשאפען איז אויך ווי פריהער ווען השם יתברך האט די וועלט בייאשאפען ניט ווי א בעל מלאכה וואס מאכט א כלי איז דאך ווען די כלי ווערט פארטיג דארף די כלי שוין ניט אנקומען צום בעל מלאכה אבער די וועלט איז אפילו נאכ'ן בייאשאפען מוז זי אויך אנקומען צו השם יתברך ער זאל אין איהר אריין געבען יעדע רגע און יעדע מינוט חיות דאס איז דער פשט אין פסוק בראשית דאס וואס איז געווען אין אנהויב ווען השם יתברך האט בייאשאפען די וועלט איז דאס זעלבע ווען ברא ר"ה ווען די וועלט איז שוין בייאשאפען

**אויך:** פלעגט ער אלע פורים פארענטפערען דאס וואס אחשוורוש האט פריהער געשריבען להשמיד ולהרוג את כל היהודים, דאס הייסט מען זאל חס ושלום פארטיליגען אלע יודען און דער-נאך האט ער געהייסען אסתר'ן מיט מרדכי'ן שרייבען פון זיינעט וועגען אז די יודען זאלען זיך נוקם זיין אין די אלע וואס האבען זיי געוואלט טהוען שלעכטס, שמייטש ווי וועט דאס אויס זעהן ביי זיי, נאר ער האט געהייסען שרייבען אז די ערשטע גזירה פון להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים טייטשט זיך אנדערש אוים ד"ה אז

דאס

# מעשיות נוראים

דאס ווארט „כל" מיט דעם ווארט „היהודים" שליסען זיך ניט נאר זיי זענען צוויי באזונדערע ווערטער ד"ה להשמיד כו' את כל מען זאל פארטיליגען אלע און וועהר זאל דאס טוהען היהודים די יודען זאלען פארטיליגען זייערע שונאים . און זאל נעמען אוועק צו אלע יודישע צרות און משיח זאל קומען במהרה בימינו אמן .

ר' אברהם דאזער ע"ה פון ראדומין איז איינמאהל אריין געקומען צום רבין זצוק"ל און האט איהם דערצעהלט אז ר' אברהם חזן האלט זעהר שלעכט האט דער רבי איהם געענטפערט אז עס איז פארפאלען איז ער ארויס געגאנגען צו זיין זוהן הרה"צ ר' יהושע שלמה זצוק"ל און איהם דערצעהלט וואס דער פאטער האט איהם געענטפערט איז ער אריין געגאנגען צום פאטער און איהם געפרעגט וואס די מעשה איז האט ער איהם דערצעהלט אז ווען ער איז געשלאפען בייטאג האט ער' געהערט אשטארקען גערויש האט ער זיך אויף געכאפט און וויל ער האט געמיינט אז עס ברענט איז ער צו געגאנגען צום פענסטער זעהן צו מען זעהט ניט קיין פייער אונ ווי ער האט גאר ניט געזעהן האט ער זיך צוריק געלעגט האט ער ווייטער געהערט אגרויש האט ער זיך ווייטער אויפגעהויבען און צו געגאנגען צום פענסטער און ווייטער גאר ניט געזעהן האט ער זיך ווייטער צוריק געלייגט און האט ווייטער געהערט א שטארקען גערויש האט ער' שוין געטראכט אז מען מוז שוין זעהן העכער האט ער דאן געהערט ווי מען רופט אויס פנו מקום לר' אברהם חזן ד"ה גרייט צו אנארט פאר אברהם חזנ'ס וועגען האב איך איבערגערעכענט פון וואנעט דאס קומט מען זאל פארזאגעט ווערען אזוי אויס רופען וואס ווי בעוואוסט רופט מען נאר אזוי פאר גרויסע צדיקים האב איך מיר דער מאנט אז ער פלעגט צו לערנען מיט א חברא מדרש און תהילים און דאס ווייס איך אז ער האט געלערענט לשמה ד"ה פון גאטס וועגען ד'דורך האט ער דערצו עלה געוועזן .

# אַ מעשה פון הרה"צ מראדזמין זצ"ל

די גוטע פריינדשאַפט, וואָס איז געווען צווישען די צוויי צדיקים דער ראַדזמינער רבי מיטן חדושי הרי"ם איז געווען זייער גרויס. דער ראַדזמינער צדיק האָט זיך אויך טייל מאָהל שואל-עצה געווען ביים חדושי הרי"ם — אַזוי ווי דאָ ווערט דערציילט.

ביים ראַדזמינער רבי'ן איז געווען אַ משמש, וואָס האָט איהם בעדינט. איינמאָל האט דעם רבי'ן נישט געפאלען זיין התנהגות, ביז דער רבי האט איהם אפגעשאַפט און נישט געוואלט איהם מעהר האלטען ביי זיך. איז דער משמש געווארען זייער אין כעס אויף'ן רבי'ן, מחמת גרויס פאַרדראס האט ער געזוכט תחבולות זיך נוקם צו זיין אן רבי'ן.

איינמאל האט איהם דער בעל-דבר אָן גערעדט צו אַ אויסדערלישע זאַך, דהיינו ער האט אַריינגעטוהן סם אין אַ געבעקץ און האט עס אַזוי צוגעפירט, כדי דער רבי זאל דאס עסען.

כך הוי, ווי דער רבי האט אויפגעגעסען אַ שטיקעל געבעקץ האט ער פלוצלינג דערפילט גרויסע שמערצען, די חסידים האבען באַלד גערופען דאקטוירים ביז מיט גרויס מיה האט מען איהם דעראַטעוועט.

ווען די דאקטוירים האבען זיך בעקאנט מיט די סיבה פון רבינ'ס פלוצלינגען קרענק האָבען זיי גאָר נישט אָנגעפרעגט דער רבין, נאָר זיי האָבען תיכף בעמאָלדען די מאַכט פון די דאָזיגע מעשה. מען האָט תיכף דעם משמש געשמיד אין קייטען און געזעצט אין תפיסה ביז צו די ספראָווע.

ווי דער רבי דאָט דערהאַלטען אַ פּאָוויעסטקע, כדי זיך צו שטעלען אַלס עדות צו די ספראָווע, וועלכע האָט געזאָלט זיין אין ווארשע האָט דער רבי געהאָט גרויס צער, ווייל זאָלען ער לייקענען איז דאָך אַ ליגענד, זאָל ער אויסזאָגען דעם אמת וועט ער זיין אַ גורם, אַז אַ יוד זאָל האָבען דורך איהם אַזאַ גרויסע שטראָף. דעריבער האָט ער זיך געוואָנדען צו זיין ידיד דער חדוש הרים נאָך אַ עצה און געבעטען, ער זאָל זיך משתדל זיין אַז מ'זאָל פטרן דעם יוד פון די שטראָף מחמת רחמנות.

דער סוף איז געווען, אַז נאָך השתדלנות פון דעם חדושי הרים ביי די מאַכט האָט מען דעם משפט פערלייכטערט, אָבער אין גאַנצען פטרן האָט דער חדושי הרים נישט מסכים געווען.